# דברי מוסר והתעוררות

## שהשמיע כ"ק מרן אדמו"ר מוויען שליט"א

## בדרשת ז' אדר תשפ"ד לפ"ק

**חינוך הבנים • קשר האבות עם הבנים • ירידת הדורות והקרירות לעבודת ה' ששורר בחוצות בימינו • הכנעה לחכמי ישראל ולשמוע תמיד הדרכתם • להתחבר לחבורת עובדי ה' • לשלוח הבנים בישיבות שיוכלו לקבל השפעה גם אחר התונתם • חומר עון ביזוי תלמידי חכמים ברבים**

יוצא לאור ע"י מכון מעדני מלך וויען

**אחר דברי דרוש ואגדה בענין פטירת משה רעיא מהימנא ודברי הספד על סילוקן של צדיקים, המשיך בדברי מוסר והתעוררות**

*

...**דער** נביא ישעי' רעדט זיך אפ אויפן מצב פונעם כלל ישראל, אז דער אייבערשטער איז געשטאנען און געוואַרט און געהאפט אז אידן וועלן נתגדל ווערן פאר א פרי תפארת אין די וועלט, און צום סוף האט זיך עס נישט אזוי אויסגעשטעלט. און ער הייבט אן מיט א משל, און ער זאגט (ה-א), אשירה נא לידידי שירת דודי לכרמו, איך גיי זינגען א שיר במקום פון מיין ידיד, פונעם אייבערשטן, אין זיין שליחות, די שירה וואס מיין גוטער פריינד האט געזינגען אויף זיין כרם וואס ער האט געהאט. וואס איז דער שיר, כרם היה לידידי, מיין גוטער פריינד האט געהאט א וויינגארטן, בקרן בן שמן, אין א ווינקל וואס גיט ארויס פעטע פירות, און ער האט געטון פאר די פעלד וואס מען קען. ויעזקהו, ער האט אים ארומגערינגלט מיט א גדר, ויסקלהו, ער האט ארויסגענומען די שטיינער, ויטעהו שורק, ער האט איינגעפלאנצט אינעווייניג געהעגליך פון טרויבן, ויבן מגדל בתוכו, ער האט געבויט א פרעס אינעווייניג צו אויסקוועטשן די טרויבן, וגם יקב חצב בו, און ער האט אריינגעלייגט אינעווייניג א יקב צו האלטן די וויין, ויקו לעשות ענבים, ער האט געטראכט און געהאפט אז עס וועט ארויסוואקסן פון דעם פעלד שיינע טרויבן, ויעש באושים, צום סוף איז געווען ער האט ארויסגעגעבן שלעכטע פירות. דאס איז דער משל, דער שיר.

**זאגט** דער נביא, איך וועל מפרש זיין דעם משל, כי כרם ה' צבאות בית ישראל, אידן זענען א כרם פונעם אייבערשטן, א וויין גארטן פונעם אייבערשטן, ואיש יהודה נטע שעשועיו, אידן וואס זענען איש יהודה זיי זענען די פלאנצונג וואס דער אייבערשטער איז זיך משתעשע מיט זיי, ויקו למשפט, דער אייבערשטער האט געהאפט אז ס'וועט ארויסקומען פון דעם פאלק, א כרם וואס וועט זיך פירן ווי ס'דארף צו זיין, והנה צעקה, דערווייל הערט מען די צעקת העשוקים פון אידן.

## כרם ה' צבאו'ת בית ישראל

**ער** איז מדמה אז כנסת ישראל איז א כרם, א וויינגארטן. און ס'דארף האבן א ביאור, וואס עפעס האט ער אויסגעקליבן א וויינגארטן? ס'איז דא אסאך ערליי פעלדער וואס געבן ארויס שיינע פירות, האט ער דאך געקענט זאגן, דער באשעפער האט באשאפן א פאלק וואס זאל זיין א שדה פון פירות, און דער נביא איז מדגיש, ער האט באשאפן א פאלק וואס ס'זאל זיין א כרם? - אין די גמרא (חולין צב.) געפינט מען אויך אז נמשלה אומה זו לגפן, אידן זענען נמשל צו א גפן, גפן ממצרים תסיע (תהלים פ-ט), וואס איז דער קשר וואס אונז האב מיר צו א כרם?

**קען** אפשר זיין, מען געפינט ביי טרויבן, די פרי הגפן, איז דא צוויי זאכן וואס מען געפינט נישט ביי קיין שום

אנדערע פרי נאר ביי גפן אליין. איינס איז אין דעם שטאם פון וואו דער גפן וואקסט ארויס. אלע ביימער פון פירות זענען בדרך כלל הויכע ביימער, שטארקע ביימער, און זיי טראגן אויף זיך די פירות וואס וואקסן דערויף. דער עץ הגפן, דער שטאם פון וואו ס׳קומט ארויס טרויבן, איז זייער שוואך, ס׳איז זייער א שוואכער צווייג, אזוי ווייט, אז ער קען זיך נישט האלטן פון זיך אליינס צו וואקסן, מען דארף נעמען אנדערע העלצער און עס אונטערלאנען, כדי ס׳זאל קענען שטיין דער שטאם און ס׳זאל אזוי ארויסגעבן די פירות. קומט אויס אז דער כרם דאס איז אנדערש פון אלע אנדערע פירות, אז דער שטאם דערפון האלט זיך נישט אליין, און מען דארף אים העלפן כדי ער זאל קענען ארויסגעבן די פירות.

**צווייטנס** איז דא א חילוק אין די פירות פון א גפן ביז אנדערע פירות. אלע פירות פון די וועלט, נאכדעם וואס מען האט עס אראפגענומען פונעם בוים, קען מען נישט נהנה זיין דערפון נאר א קורצע צייט. אזוי איז דער סדר פון פירות, ס׳טריקנט זיך. יעדן טאג ווערט עס מער טריקן, און מען קען עס מער נישט נוצן, ס׳ווערט פארפוילט, פארשימלט. און אז מען קוועטשט עס אויס און מען מאכט דערפון א משקה פון די פרי, פארלירט עס די חשיבות פון די פרי, און מען מאכט שוין נישט קיין ברכה דערויף בורא פרי העץ, אזוי ווי אויף די פרי אליין. אויף משקין היוצאין מן הפירות איז די ברכה נאר א שהכל (שו״ע או״ח סימן רב-ח). - אפילו שמן, וואס איז יוצא מזיתים, אויל וואס קומט ארויס פון א זית, אז מ׳טרינקט עס אזוי ווי ס׳איז, מאכט מען אינגאנצן נישט קיין ברכה, אזוקי מזיק ליה, ס׳איז מזיק. אז מ׳טרינקט עס מיט אניגרון, דארף מען יא מאכן א ברכה, אבער די זעלבע ברכה, בורא פרי העץ (שם רב-ד).

**גפן** איז אנדערש פון אלע אנדערע פירות. פון א גפן קען מען נהנה זיין יארן יארן שפעטער פון דעם טרויב וואס מ׳האט אראפגענומען פון דעם בוים. מען קוועטשט אויס דעם טרויב און ס׳ווערט דערפון וויין, און וויין קען מען אוועקלייגן אויף אסאך יארן. נישט נאר אז מ׳קען האלטן די וויין, נאר דער וויין וואס קומט ארויס דערפון ווערט נאך חשוב׳ער, ס׳איז משתנה לעילוי, ס׳ווערט נשתנה די ברכה דערפון, פון א בורא פרי העץ ווערט עס א בורא פרי הגפן.

**און** נישט נאר ס׳האלט זיך ווען ס׳ווערט אלט, נאר ווי עלטער ס׳ווערט, ווערט עס נאך מער חשוב׳ער און ס׳ווערט נתעלה נאך מער. יין ישן דעת זקנים נוחה הימנה, אלטע וויין האט אין זיך אז דעת זקנים איז נוחה (מגילה טז:). אזוי ווייט, אז ס׳איז דא וויין חמר מרת מששת ימי בראשית, נטיר בי נעותא [ווי מען זאגט אין די אקדמות], ס׳איז אוועקגעלייגט וויין פון ששת ימי בראשית פאר צדיקים לעתיד לבוא. אויף שכרן של צדיקים, זאגט די גמרא אין ברכות (לד:), אז אין פסוק (ישעי׳ סד-ג) שטייט אויף זיי עין לא ראתה אלקים זולתך יעשה למחכה לו, אז קיינער האט נאך נישט געזעהן וואס דער אייבערשטער גייט געבן פאר די צדיקים לעתיד לבוא, און די גמרא רעכענט אויס איינס דערפון איז, יין המשומר בענביו מששת ימי בראשית, ס׳קען זיין וויין וואס איז שוין באלד אלט זעקס טויזנט יאר וואס ליגט אוועקגעלייגט בענביו וואס מ׳קען עס נוצן. נישט דא נאך אזא בוים וואס זאל ארויסגעבן א פרי, וואס פון די פרי זאל מען קען נהנה זיין הונדערטער און טויזנטער יארן שפעטער פון ווען מ׳האט עס אראפגעקליבן פונעם בוים.

**און** די צוויי זאכן איז אנדערש א גפן ווי אנדערע ביימער, דער שטאם דערפון איז זייער א שוואכער און מען דארף צו לייגן האלץ אז ס׳זאל זיך קענען האלטן, אבער די פירות וואס קומען ארויס דערפון זענען גאר חשוב, ס׳איז נשתנה לעלויא מער ווי אלע אנדערע פירות, וואס מען געפינט נישט ערגעץ אנדערש. - און עס קען זיין אז די צוויי זאכן וואס דער גפן איז אנדערש, זענען פארבינדן און מקושר איינס מיט דאס אנדערע.

## עץ הגפן נותנת כל כוחה לטובת פירותיה

**מען** זעהט ביימער וואס געבן נישט ארויס קיין פירות, אילני סרק, זענען זייער הויכע ביימער, שטארקע ביימער, אסאך שטערקער פון די ביימער וואס געבן ארויס פירות. פארוואס? ווייל א בוים וואס געט ארויס פירות, געט אוועק איר כח וואס זי האט, כדי מצמיח צו זיין די פירות וואס וואקסן דערויף. און אז זי גיט אוועק איר כח מצמיח זיין די פירות, האט נישט דער בוים אליין גענוג כח ער זאל קענען וואקסן הויעך. א ליידיגער בוים וואס געט נישט קיין פירות, נוצט אויס זיין גאנצן כח צו וואקסן הויעך, אבער אויב ער דארף אוועקגעגעבן פון זיין כח ארויסצוברענגען פירות, האט ער נישט די כוחות ער זאל קענען וואקסן הויעך, איז ער שוואכער פון אנדערע ביימער.

**דער** אילן הגפן גיט ארויס איר גאנצער כח און לייגט עס אריין אין די טרויבן, ס׳זאל ארויסגעבן גוטע טרויבן, אזוי

ווייט אז אפילו די משקה וואס קומט ארויס דערפון זאל האבן א קיום לדורות. און אזוויוי דער עץ גפן גיט אריין איר גאנצער כח אין די פירות, איז ער אליין א שוואכער עץ. ער נעמט נישט די כוחות פאר זיך ער זאל קענען וואקסן, ווייל ער גיט אוועק אלע זיינע כוחות אז די פירות זאלן ארויסקומען דערפון ווי ס'דארף צו זיין. אלע אירע כוחות ליגט אין די פירות, אז ס'בלייבט נישט איבער קיין כח צמיחה פאר זיך אליין ס'זאל קענען וואקסן.

**אילני** סרק וואקסן הויעך, ווייל ער גיט נישט ארויס קיין פירות. אילן פירות וואקסט נישט הויעך, ווייל ער דארף אריינגעבן זיין כח אין די פירות. א גפן וואס דארף נאך מער אריינגעבן די כח אין די פירות, אז די פירות זאלן קענען האבן א קיום אויף לעולם, איז דער שטאם דערפון נאך שוואכער, און מען מוז אונטערלאנן די זמורות פון א גפן ס'זאל זיך קענען האלטן.

## אנו כרמך ואתה נוטרנו

**אויף** דעם וועג האט דער אייבערשטער איינגעפלאנצט דעם כלל ישראל. אונז זענען א כרם. כרם ה' צבאות בית ישראל. אונז זענען דער כרם פונעם אייבערשטן. אנו כרמך ואתה נוטרנו, אונז זענען דער כרם און דער אייבערשטער איז וואס היט אונז. אונז זענען נישט קיין אילני סרק, אונז זענען נישט ליידיגעביימער, אונז זענען נישט ווי די אומות העולם וואס זענען ליידיג פון תורה, ליידיג פון מענטשליכקייט, אן עם הדומה לחמור, סרק, ליידיג, ס'ליגט נישט אין זיי קיין שום זאך. אונז זענען אפילו נישט ווי א שדה פון פירות וואס אונז געב מיר ארויס פשוטע פירות. אונז זענען א כרם, אשירה נא לידידי שירת דודי לכרמו, און איך גיי זינגן פארן אייבערשטן די שיר וואס דער דודי גייט זאגן אויף זיין כרם.

**ישראל** זענען קדושים, אונז זענען אנגעלאדענט מיט מצות ומעשים טובים, עושים באימה וביראה רצון קונם, אונז טוה מיר דעם רצון פונעם אייבערשטן שטענדיג, אונז זענען רודפי צדקה וחסד, אונז זוכן ווי אונז קען מיר טון גוטס פאר א איד. אפילו פושעי ישראל מלאים מצות כרימון. אונז זענען א כרם, פול מיט פירות.

**אבער** ס'איז נישט גענוג וואס אונז לייג מיר אריין אונזער גאנצער כח אז אונז זאלן קענען ארויסגעבן פירות, אונז זאלן קענען וואקסן פאר זיך נאך העכער און נאך העכער. **דער באשעפער האט אונז איינגעפלאנצט אז אונז זאלן זיין א כרם. אונז זאלן אוועקגעבן אלע אונזערע כוחות פאר אונזערע פירות. פאר אונזערע קינדער, און בני בית, זיי זאלן נתגדל ווערן לשם ולתפארת, דאס איז אונזער פליכט וואס אונז דארף מיר צו טוהן!** אונז זענען מיר די עצי הגפן וואס איז דא אין א כרם, וואס געט אריין אלע כוחות וואס ער האט, אריין אין זיינע פירות, אזוי ווייט אז ער האט שוין נישט קיין כח פאר זיך אליין, ווייל וואס ער האט, האט ער אריינגעגעבן כח אין די פירות וואס ער געט ארויס.

## המגדל בניו לתורה הוא עובד ה' לנצח נצחים

**אברהם** אבינו איז דער איינציגסטער וואס דער אייבערשטער האט אים אנגערופן אברהם אוהבי (ישעי' מא-ח), ער איז מיין גוטער פריינד. ווען דער אייבערשטער וויל ארויסברענגען וואס האב איך אזוי ליב אברהם אבינו, וואס איז די אהבה וואס דער באשעפער האט צו אברהם, זאגט דער פסוק (בראשית יח-יט) כי ידעתיו למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו ושמרו דרך ה' לעשות צדקה ומשפט. די ליבשאפט צו אברהם איז, קוק וואס פארא קינדער ער געט ארויס! קוק וויאזוי ער באגייט זיך מיט וואס ער דארף מחנך זיין. וואס יצוה את בניו ואת ביתו אחריו ושמרו דרך ה'.

**ס'איז** נישט גענוג וואס דער אייבערשטער זאל ליב האבן אברהם אבינו וועגן די אייגענע מעשים טובים וואס ער טוט, בן מ"ח שנה הכיר את בוראו, ער האט אליין מכיר געווען דעם אייבערשטן, ער האט זיך פורש געווען פון עבודה זרה, ער האט צעבראכן די עבודה זרה פון תרח'ן, ער האט זיך אריינגעווארפן אין כבשן האש זיך צו הרג'ענען פאר'ן אייבערשטן, נישט גענוג אוהבי? נישט גענוג ליבשאפט? — ניין. דער אייבערשטער זאגט, דאס האט ער געטון פאר זיך נתעלה צו ווערן. איך האב אים ליב ווייל ער גיט איבער זיין גאנצן נפש מחנך צו זיין זיינע בני בית לשמור דרך ה', זיי זאלן אפהיטן די וועג פונעם אייבערשטן.

**וואס** דער ענין דערפון איז, די לעבן פון א מענטש אויף די וועלט איז זייער באגרעניצט. ימי שנותינו בהם שבעים שנה ואם בגבורות שמונים שנה. קיינער לעבט נישט אייביג. אונז לעבן מיר נאר אויף די וועלט א קורצע צייט. וואס אין די טעג וואס אונז זענען מיר דא אויף די וועלט,

האבן אונז די זכיה אז אונז קענען מיר דינען דעם אייבערשטן. במתים חפשי, כיון שמת אדם נעשה חפשי מן התורה ומן המצוות (שבת ל.). אונז זענען מיר דא אויף די וועלט התקן עצמך בפרוזדור כדי שתכנס לטרקלין, כדי אונז זאל מיר זוכה זיין צו חיים נצחיים לעולם הבא, איז דא די פלאץ וואו מען זיך איינקויפן מצות ומעשים טובים. אבער ער קען עס נישט טון שטענדיג. ער איז באגרעניצט נאר אויף די יארן וואס מען לעבט.

**ווען א מענטש איז אבער מגדל זיינע קינדער לתורה, דינט ער דעם אייבערשטן לעולמי עד, שטענדיג! ברא מזכה אבא, א קינד איז מזכה דעם פאטער. אלע מצות ומעשים טובים וואס זיינע קינדער און זיינע אייניקלעך טוען נאך אים, ווערט אלעס צוגערעכענט פאר זיין זכות.**

**די** גמרא (ב"ב קטז.) זאגט, דוד שהניח בן כמותו, דוד המלך האט איבערגעלאזט א קינד אזוי ווי ער, נאמרה בו שכיבה ולא נאמרה בו מיתה, שטייט נישט ער איז געשטארבן, כי שכב דוד, אזוי ווי איינער וואס שלאפט ער איז נישט געשטארבן ער האט זיך געלייגט שלאפן, שטייט נישט קיין מיתה, כי שכב דוד עם אבותיו, ווייל ס'איז נישטא קיין מיתה, ווען איינער לאזט איבער בן כמותו איז ער נישט געשטארבן, ס'איז נישטא קיין במתים חפשי, ער איז נישט קיין מת, ער איז א שוכב, ווייל ער איז ווייטער ממשיך צו דינען דעם אייבערשטן דורך די קינדער וואס ער האט איבערגעלאזט.

**די** גמרא (שם) זאגט , כל מי שאינו מניח בן ליורשו, ווען א מענטש לאזט נישט איבער א קינד וואס זאל אים ירש'נען, א זון וואס זאל אים ירש'נען, הקב"ה מלא עליו עברה, טייטשט רש"י שונא אותו, דער אייבערשטער האט אים פיינט און ער האט אויף אים עברה, ער איז ברוגז אויף אים, ער האט נישט איבערגעלאזט קיין זון וואס וועט אים ירש'נען. שטייט נישט אין די גמרא אז ווען איינער לאזט נישט איבער א בן איז הקב"ה מלא עברה, נאר מ'לאזט נישט איבער א בן 'ליורשו'. א מענטש לאזט נישט איבער קיין זון, ער איז גארנישט שולדיג, דער אייבערשטער האט אים נישט געגעבן, מען האט נישט חונן געווען פון הימל ער זאל האבן א זון, האט ער נישט, וואס איז ער שולדיג אז ער האט נישט קיין בן. נאר טאמער ער האט א בן, ער האט א זון, אבער דער בן איז נישט יורשו, דער בן ירש'נט נישט דעם טאטען, **ער האט א קינד וואס ירשנ'ט דאס געלט פונעם טאטען, ער ירשנ'ט די הויז פונעם טאטען, ער ירש'נט די ביזנעס פונעם טאטען, אלעס נעמט ער איבער, אבער ער ירש'נט נישט דעם טאטען אליין! ער ירשנ'ט נישט דאס ערליכקייט און דאס צדקות וואס דער טאטע האט געהאט! איז הקב"ה מלא עליו עברה. א איד דארף איבערלאזן א זון וואס זאל זיין 'יורשו', וואס וועט איבערנעמען די מצוות ומעשים טובים וואס דער טאטע האט געטוהן, זאל דאס קינד גיין אין דעם זעלבן וועג און ער זאל דינען דעם אייבערשטן, דאס איז דער תכלית פונעם לעבן פונעם מענטש!** ווייל אונזער לעבן איז זייער באגרעניצט וויפיל א מענטש קען אויפטון אין די קורצע צייט וואס מ'איז דא. אז מען לאזט איבער קינדער און אייניקלעך, דאס איז א זאך וואס בלייבט איבער לדורי דורות וואס זיי דינען דעם אייבערשטן.

## יש לוותר על כל שעשועי עוה"ז
## כדי שיהנה לעולמים מבניו ההולכים בדרכי התורה

**ווען א מענטש געבט נישט צו זיין גאנצן קאפ און זיין כח, מגדל צו זיין קינדער וואס זאלן אויסוואקסן אמת'דיגע תלמידי חכמים, אמת'דיגע עובדי ה', איז ער נישט א חלק פונעם כרם ה', ער איז נישט א חלק פונעם וויינגארטן פונעם אייבערשטן.** ווייל א כרם איז מפקיר זיך כדי ער זאל קענען ארויסגעבן די פירות. דער כרם איז מפקיר זיך אליין, די זמורות, כדי ער זאל קענען ארויסגעבן גוטע פירות. אזוי ווייט אז ער האט נישט קיין כח צו שטיין פאר זיך אליין, ווייל אלעס געט ער אריין אין די פירות. און וועגן דעם זענען די פירות עומדת לעדי עד, בלייבן די פירות פון טרויבן, אז מען קען שטענדיג נהנה זיין דערפון.

**א מענטש האט נישט קיין חשוב'ערע זאך אויף דער וועלט ווי קינדער וואס גייען בדרכי התורה!** וואס זיין גאנץ פארמעגן, פון וואס ער האט, וועט ער נאר נהנה זיין די קורצע צייט וואס ער געפינט זיך דא, אבער נאכדעם אין מלוין לו לאדם לא כסף ולא זהב ולא אבנים טובים ומרגליות, מען נעמט זיך גארנישט מיט פון הבלי עולם הזה, ס'באגלייט נישט דעם מענטש. קינדער וואס ער האט איבערגעלאזט ערליך, דאס איז א קנין עולם! דאס איז א קנין וואס ער האט אויף שטענדיג! זיי זענען מלוין את האדם לעולמי עד! די באגלייטן דיך, שטענדיג וועסטו באקומען פון זיי מצות ומעש"ט, וועסטו נתעלה אויבן אין הימל. יעדע מצוה וואס זיי און זייערע קינדער וועלן טוהן, וועט גערעכענט ווערן פאר דיין זכות. **און ס'איז כדאי א מענטש זאל אויף אלעם מוותר זיין, אויף אלע זיינע באקוועמליכקייטן, אלע זיינע תענוגים, אלע זיינע**

**שעשועים וואס ער האט, אויב דאס וועט דארפן צורירן צו די חינוך פון זיין קינד, דארף ער אויפגעבן אלעס ארום און ארום, ווייל די אלע זאכן פון עוה״ז איז פארגענגליך, אבער קינדער וואס ער האט, דאס וועט בלייבן אויף שטענדיג. און טאמער איז דא א סתירה פון חינוך פון זיין קינד מיט זיין באקוועמליכקייט, דארף ער אוועקגעבן אלעס וואס איז נוגע פאר זיין באקוועמליכקייט כדי צו ערציען קינדער וואס זענען עובדי ה׳.**

**עלטערן** דארפן אוועקגעבן זייער כח און מוח מגדל זיין קינדער תלמידי חכמים יראי ה׳. עלטערן זענען מחנך און זענען מדריך זייערע קינדער, נישט מיט רעדן! מיט זייערע מעשים וואס זיי טוען, זענען זיי מער מדריך די קינדער ווי מיט דעם וואס מ׳רעדט. קינדער זעהן צו וויאזוי די עלטערן פירן זיך, ווערן זיי נאכגעצויגן צו גיין אויף די וועגן וואס זיי האבן געזעהן ביי זייערע עלטערן.

**עס** ליגט א פליכט אויף עלטערן זיי זאלן זיך שטענדיג אומקוקן און מדקדק זיין, אויף יעדע זאך וואס מ׳טוט, טראכטן וויאזוי וועט עס משפיע זיין אויף מיין בני בית. **איך קען נישט אריינברענגען אין שטוב קיין שום זאך וואס דאס וועט אפשוואכן דעם יראת ה׳ ביי מיינע קינדער.** אפילו ס׳שטערט נישט פאר די עלטערן, ס׳איז נישט מזיק פאר די עלטערן, ער קוקט נישט אויף זיך. א גפן דארף קוקן וואס איז גוט פאר די פירות. אויב דאס איז א זאך וואס גייט שטערן פאר די אנטוויקלינג, פאר די קדושה, דאס ערליכקייט פון מיינע קינדער, האט עס נישט קיין פלאץ צו זיין ביי מיר אינעם שטוב.

## לדקדק בכל דרכיו איך ישפיע מעשיו על בני ביתו

**דאס** איז נוגע סיי צו טעכנאלאגישע כלים וואס איז היינט דא, צייטונגען, מאגאזינען. וויסן מ׳קען נישט אלעס אריינברענגען אין שטוב, אויסער אז דו ווילסט מוותר זיין אויף דיינע קינדער! — און ווער איז גרייט אוועקצוגעבן פאר חיי עוה״ז, פאר א עולם עובר, זאל ער אוועקגעבן אן עולם עומד? מען קען נישט אריינברענגען אין שטוב נאר א זאך וואס ער ווייסט אז ס׳איז אויסגעהאלטן, וואס דאס וועט נישט שאטן פאר מיין קינד ווען דאס קינד וועט עס זעהן ביי מיר אינדערהיים.

**מען קען נישט אוועקגיין אויף וויקעישא״ן אן דעם וואס מען זאל נישט טראכטן פארדעם, וואס וועט זיין דער רושם וואס וועט איבערבלייבן פאר מיינע קינדער מיט דעם וואס איך גיי אוועק.** לא מיבעיא ווען ער דארף זיי מיטנעמען צוזאמען מיט זיך, דארף ער אוודאי טראכטן פארדעם, נישט וואס וועט זיין מיין באקוועמליכקייט, מיין ווייב׳ס באקוועמליכקייט, נאר וואס וועט דאס מאכן א רושם אויף די קינדער. אפילו די קינדער ווייסן נאר וואו איך בין געגאנגען [זיי זענען נישט מיטגעקומען], דארף מען טראכטן, איז דאס דער פלאץ וואס וועט מאכן די ריכטיגע רושם אין זייער הנהגה.

**ווען** מען דארף זיך אוועקציען פון איין שטאט צו די אנדערע שטאט. פון איין געגנט צו אן אנדערן געגנט, גייט מען נישט אוועק ביז מען מאכט נישט קודם א חשבון וויאזוי דאס וועט משפיע זיין אויף די חינוך פון מיינע קינדער. ווער וועלן זיין מיינע שכנים דארטן. ווער וועט זיין די חברותא פון מיינע קינדער. וואס פארא השפעה וועט האבן די סביבה ארום און ארום, די מענטשן וואס וואוינען דארטן אין די געגענט, אויף מיינע קינדער, ווייל די השפעה פון ארום איז זייער אסאך גורם אויף חינוך פון די קינדער.

**די** גמרא (ברכות ח.) זאגט אויף שלמה המלך [מיר ווייסן אפילו נישט די גרויסקייט פון שלמה המלך], לעולם ידור אדם במקום רבו, זאגט די גמרא א מענטש זאל וואוינען דארטן נעבן זיין רבי׳ן, שכל זמן ששמעי בן גרא קיים, ביז ווילאנג שמעי בן גרא [דער רבי פון שלמה המלך] האט געלעבט, לא נשא שלמה את בת פרעה, האט שלמה המלך נישט חתונה געהאט מיט בת פרעה. אוודאי אז שלמה האט חתונה געהאט מיט בת פרעה איז עס געווען אויסגעהאלטן, אבער ער וואלט עס נישט געטוהן ווען ער איז נעבן זיין רבי׳ן. **ווייל דאס איז די השפעה וואס א מענטש האט פון דעם וואס ער איז נעבן זיין רבי׳ן, ער איז נעבן א סביבה פון ערליכע אידן, האט עס אן השפעה אויף אים דירעקט און אומדירעקט. ווען א מענטש וויל אוועקגיין פון איין געגענט אויף די אנדערע געגענט, דארף ער טראכטן וואס וועט זיין די השפעה פון דעם אויף מיינע קינדער.**

## גודל ירידת הדורות אצל בני הנעורים

**אסאך** סייעתא דשמיא דארף מען האבן היינטיגע צייטן מגדל זיין קינדער על דרך ישראל סבא. אונז זעהן מיר די געוואלדיגע ירידת הדורות וואס איז דא. די יונגוואַרג וויאזוי זיי פאלן אסאך מאל עד שאול תחתיה! איגאנצן איבערגעלאזט אלעס, איבערגעלאזט פון וואס מ׳איז

נתחנך געווארן פון די יוגנט. וויפיל שטיבער איז דא וואס זענען מלא צער און ווייטאג וויאזוי די קינדער פירן זיך אויף. נישט אייביג קען מען פאראורטיילן די עלטערן אז זיי זענען שולדיג אין די חינוך פון די קינדער אז ס'האט אזוי פאסירט. אסאך מאל איז דאס פון נסתרות פונעם אייבערשטן אין שרשי נשמות וואס איז דא. שטייט אין די גמרא אין ברכות (י.), אז חזקיהו המלך האט נישט געוואלט חתונה האבן, איז ישעי' הנביא געקומען אין נאמען פון אייבערשטן און ער האט אים געפרעגט פארוואס ער האט נישט חתונה, האט ער געענטפערט, דחזאי ברוח הקדש דנפקי מינאי בנין דלא מעלו, איך זעה מיט רוח הקודש אז ס'גייט ארויסקומען פון מיר קינדער וואס וועלן נישט זיין ערליך. און ישעי' הנביא זאגט אים מוסר אין נאמען פונעם אייבערשטן כי מת אתה ולא תחיה, דו דארפסט חתונה האבן, בהדי כבשי דרחמנא למה לך, וואס ס'וועט אויסוואקסן פון דיינע קינדער דאס איז כבשי דרחמנא, לאז עס צום אייבערשטן, אבער מאי דמפקדת איבעי לך למעבד, דו דארפסט טון וואס דו דארפסט צו טון, ומה דניחא קמיה קודשא בריך הוא ליעבד, דער אייבערשטער זאל טוהן וואס ער טוט. איך געב פארן חינוך פון מיינע קינדער וואס מען דארף, די בעסטע און די שענסטע, אז ס'וועט נישט אויסוואקסן בין איך נישט שולדיג, ס'איז אין די הענט פונעם אייבערשטן וואס דער באשעפער האט עס אזוי צוגעפירט, אונז מישן מיר זיך נישט אין כבשי דרחמנא — און חזקיהו המלך האט חתונה געהאט נאכדעם. ער האט גענומען גאר א טאכטער פון ישעי' הנביא, און ער האט געהאט צוויי קינדער רשעים. מנשה מלך ישראל און רבשקה, צוויי קינדער וואס ביידע זענען געווען רשעים.

**חזקיה** המלך האט אוודאי מחנך געווען זיינע קינדער וואס זענען אים געבוירן אויפן שענסטן וועג ווי ס'איז שייך מחנך צו זיין. אבער ס'איז געווען מכבשי דרחמנא וואס אונז פארשטיין מיר נישט. נישט אייביג זענען די עלטערן שולדיג. — אבער זייער אסאך און רובא פעמים זענען די עלטערן יא שולדיג אין דעם וועג פון חינוך וואס מ'האט געגעבן פאר די קינדער אז זיי זענען אזוי אויסגעוואקסן!

**ס'פעלט היינט דער קשר, דער צוגעבינדענקייט וואס ס'דארף זיין צווישן קינדער און עלטערן. די ליבשאפט צווישן קינדער און עלטערן דארף זיין אזוי שטארק, אז ס'זאל גורם זיין אז א קינד זאל זיך נישט וועלן און קענען אפרייסן פון די שטוב פון די עלטערן!** — און מיר וועלן עס מסביר זיין.

## שינוי סדרי העולם גרמה ירידה נוראה בחינוך הדורות

**לא** כדורות הראשונים האחרונות. אונזערע דורות איז אנדערש ווי ס'איז געווען די פריערדיגע דורות. די וועלט האט זיך געטוישט מן הקצה אל הקצה פון וואס ס'איז געווען אמאל, און דאס האט מיט זיך מיטגעברענגט די געוואלדיגע ירידה וואס איז דא אין אידישע שטיבער.

**אמאליגע** צייטן ווען אונזערע עלטערן האבן געוואוינט פאר די קריג אין יורא"פ. א מענטש האט נישט געהאט קיין טעלעפאו"ן וואס ער זאל קענען זיין פארבינדן אינדרויסן. ער האט נישט געהאט קיין קאר וואס ער זאל קענען גיין און פארן און קומען ווען ער וויל. ס'איז געווארן נאכט, איז געווארן אלעס טונקל. ס'איז נישט געווען קיין מסחר, ס'איז נישט געווען קיין געשעפטן וואס זאלן זיין אפען. ער האט נישט געהאט וואו צו גיין, ער האט נישט געהאט מיט וועם צו זיצן, נאר ביי זיך אינדערהיים צוזאמען מיט די קינדער. מען האט זיך אראפגעזעצט עסן די סעודה, האט יעדער געגעסן צוזאמען, טאטע מאמע מיט די קינדער אינאיינעם. מען האט פארברענגט מיט די קינדער. מען האט זיך אונטערגעהאלטן מיט זיי. מען האט געשמועסט. ווייל ער האט נישט געהאט צו רעדן מיט קיינעם נאר מיט זיין בני בית. נישטא קיין טעלעפאו"ן, נישטא וועם צו רופן, מען קען נישט ארויסגיין אויף דער גאס. נישטא צו וועם צו רעדן.

**איז** געווען א געוואלדיגער קשר צווישן קינדער און עלטערן. דאס וואס דער טאטע איז געווען שטענדיג אינדערהיים און געגעסן צוזאמען און פארברענגט מיט די קינדער, האט באהאפטן די קינדער מיט די עלטערן אויף גאר א גרויסן נאנטקייט. אהבה עזה וואס מים רבים לא יכלו לכבות את האהבה, וואס מ'האט עס נישט געקענט אויסלעשן. ווייל פון ווען דער טאטע איז אריינגעקומען אינעם שטוב, איז דער טאטע געווען אינדערהיים! זיין קאפ, זיין מהות איז געווען צוזאמען מיט די קינדער. ער האט גערעדט מיט די קינדער, ער האט געלערנט מיט די קינדער, דאס איז געווען טאג טעגליך [אויף ענגליש, מיט א סטעד"י-בעיסע"ס] איז ער געווען צוזאמען מיט די קינדער אינאיינעם. — דאס האט געהאלטן די אידישקייט פון די קינדער.

**צווייטנס**, א איד איז אמאל געווען באפיינט ביי א גוי. הלכה בידוע שעשו שונא ליעקב, א גוי האט פיינט א איד. היינט אויך. נאר אמאל האט מען עס נישט באהאלטן, זיי האבן געזאגט אפען בפירוש, איך קען נישט זיצן מיט דיר צוזאמען. מען האט נישט געוואלט זיצן. מען האט אים אנגעזידלט אז ער איז א איד. ער איז געווען נמאס אין די אויגן פונעם גוי. ווען ער זאל זיך וועלן אראפזעצן פארברענגען צוזאמען מיט דעם גוי, דער גוי האט אים ארויסגעווארפן פון דארטן, איך דארף דיך נישט האבן, זיץ נישט מיט מיר, איך קען נישט זיצן מיט דיר צוזאמען. נאר אויב ער האט אראפגענומען פון זיך די גאנצע אידישע צורה ער האט אראפגעשניטן בארד און פיאות און ער האט אוועקגעווארפן זיין אידישקייט, האט ער אפשר זיך געקענט אנהייבן און צוצופאסן זיך צו דעם גוי. אבער אויסערדעם האט ער נישט געקענט פארברענגען מיט א גוי אינאיינעם.

**ממילא** איז געווען אפגעהיטן סיי דער טאטע און סיי די קינדער זיך אויסצומישן צוזאמען מיט די גוים — און דאס האט צוגעברענגט א געוואלדיגן קשר צווישן עלטערן מיט די קינדער. **ווייל די קינדער האבן געפילט, אונז האב מיר נישט קיין אנדערן פלאץ ווי אונז קענען מיר זיך פילן רוהיג נאר ביים טאטען אין שטוב!** דער גוי האט אים פארטריבן ער זאל נישט זיין צוזאמען מיט אים, און צו אוועקווארפן זיין אידישקייט איז געווען וויניג וואס זענען געווען דערביי זיי זאלן דאס טון און טרעפן זיין פלאץ ביי דעם גוי, איז א קינד ערצויגן געווארן אין שטוב, ער האט נישט געהאט וואו צו גיין, די עלטערן זענען געווען צוזאמען מיט די קינדער מיט א נאנטקייט אינאיינעם, האט עס געוויזן די פירות דערפון, א קינד האט זיך נישט געוואלט אפרייסן פון די עלטערן.

## בזמנינו נחלש הקשר של האבות עם הבנים

**דאס** האט זיך געטוישט אין די לעצטערע דורות. ס׳איז אפגעשוואכט געווארן דער קשר וואס עלטערן האבן מיט די קינדער. די וועגן פונעם לעבן היינט אין אונזערע מקומות איז מן הקצה אל הקצה אנדערש פון וואס ס׳איז געווען אמאל. ס׳איז לילות כיום יאיר, די נאכט לייכט אזוי ווי דער טאג, אלע צרכים פונעם מענטש קען ער טוהן בייאנאכט פונקט וואס ער טוט אינמיטן טאג. ס׳איז כמעט נישט קיין חילוק פאר א מענטש היינט צי ס׳איז חצות היום צי חצות הלילה, וואס ער קען טוהן אינמיטן פונעם טאג קען ער טוהן אינמיטן פון דער נאכט אויכעט. דער טאטע געפינט זיך אינדערהיים היינט גאר א קורצע צייט צו עסן זיין נאכטמאהל און נאכדעם גייט ער אוועק, און על פי רוב עסט ער עס פאר זיך אליין אן די בני בית. כמעט מען זעהט זיך נישט מיט די קינדער א גאנצע וואך ווי גרויס ס׳זאל זיין.

**און** ווען ער איז שוין יא מיט די קינדער צוזאמען, **די שעה וואס ער געפינט זיך שוין יא אינדערהיים צוזאמען, זיין גוף איז דארטן אבער ער איז נישט דארטן! זיין קאפ איז נישט דארטן! ווייל ער איז נאך אלץ פארנומען מיט די דרויסנדיגע גאס, ער איז פארבינדן מיט זיין טעלעפאון די גאנצע צייט וואס ער איז אינדערהיים, אפילו ווען ער געפינט זיך אינדערהיים איז ער אויך נישט אינדערהיים, איז ער אינדרויסן.** — ס׳האט זיך קיינמאל נישט אויפגעבויט א שטארקן קשר צווישן די עלטערן מיט די קינדער. און מען ווערט עלטער ווערט עס נאך שוואכער. וויפיל עלטערן זאגן: ״איך האב נישט קיין שפראך מיט מיין קינד״ — ס׳האט אמאל אזא זאך נישט עקזיסטירט אז א טאטע זאל נישט קענען האבן קיין שפראך מיט א קינד, א מאמע זאל נישט קענען האבן א שפראך מיט א קינד. ס׳האט זיך נישט אויפגעבויט קיינמאל פון די יוגענט אן א נאנטקייט וואס עלטערן זאלן זיין צוגעבינדן מיט די קינדער. מען וואוינט אינדערהיים, ווי צוויי פרעמדע מענטשן, ווי צוויי גוטע ידידים וואוינען אין איין הויז, אבער נישט א טאטע מיט א קינד צוזאמען. - דאס איז די שטוב.

**מען** גייט ארויס אויף די גאסן. עס האט זיך געטוישט פון וואס ס׳איז געווען אמאל. ס׳האט נישט קיין דמיון. **מען קען היינט נישט גיין אינדרויסן אויף דער גאס ד׳ אמות אז ער זאל נישט זעהן פאר זיך א זאך וואס טוט נישט אנרייצן תאות עוה״ז! די פריצות איז אזוי ווי ס׳איז געווען אין דור המבול.** אדווערטייזמענטס וואס איז דא אין יעדן ווינקל, צייטונגען און מאגאזינען אין די גאסן, ווערט אלעס געמאכט מיט אזא פראפעקשעני״ס, מיט אזא אומנות, צו צוציען די אויג פונעם מענטש ער זאל ווערן איבערגענומען פון וואס ער זעהט פאר די אויגן.

**א** איד היינט קען אנקומען אין וועלכן ווינקל אין די וועלט ער וויל אנקומען, וועט אים קיינער נישט קענען ארויסווארפן פון די פלאץ וואו ער גייט אריין. ס׳איז דאך א דעמאקראטישע מדינה. ער קען אנקומען איבעראל. - און היינטיגע צייטן איז נאך צוגעקומען די צרה פון ״טעכנעלאגיע״, **ער קען אריינברענגען ביי זיך אין שטוב קליינע דיוואייסע״ס, קליינע כלים וואס אויף דעם איז דא כל תועבות שבעולם, מה יעשה הבן שלא יחטא.** — קומט אויס וואס ס׳קומט אויס.

**די גאסן אינדרויסן ציען דעם מענטש נאנטער צו ווערן צו הבלי עוה"ז מער ווי דער שוואכער קשר וואס ער האט אין שטוב מיטן טאטען.** דער קשר אין שטוב וואלט אים געדארפט האלטן, אבער אז דער קשר אין שטוב איז שוואך און די גאס ציעט, ציעט אים דער גאס מער ווי דער שטוב — און אזוי וויט, אז ער איז גרייט איבערצולאזן אסאך מאל די שטוב כדי ארויסצוגיין אויף דער גאס. — דאס איז דער מציאות וואס האט זיך געטוישט אין היינטיגע צייטן פון אמאל.

## החכם עיניו בראשו להקדיש זמן להשתעשע עם בניו ובני ביתו

**וואס** איז די עצה דערויף? אונז זענען מיר דאך אידן, אונז זענען מיר א כרם, אונז וויל מיר אוועקגעבן אלע אונזערע כוחות פאר אונזערע קינדער אז זיי זאלן וואקסן ווי ס'דארף צו זיין. וואס איז די עצה וויאזוי קענען מיר אונז היינט ערציען ערליכע דורות?

**די** עצה דערויף איז, א חכם דארף זיין עיניו בראשו. נישט באוויינען שפעטער ווען ס'איז שוין דא פראבלעמען אין דעם שטוב אויף די פירות באושין וואס איז ארויסגעוואקסן פון די טרויבן. נאר אונז דארף מיר אריינלייגן אונזער גאנצער קאפ און מחשבה [יעדער אויף אן אנדערן אופן וואס איז נוגע ביי אים], וויאזוי בוי איך אויף א קשר מיט מיינע קינדער, אז ס'זאל זיין אזא צוגעבינדנקייט, אז מיינע קינדער זאלן שפירן אז זיי זענען עצם מעצמיו ובשר מבשרו, וואס אונז קענען מיר זיך נישט אפטיילן! אזא אהבה דארף מען זוכן א וועג נאנט צו ווערן צו די קינדער, אז ס'זאל זיך נישט קענען אפשיידן איינער פונעם צווייטן שטענדיג.

**און** כדי צו האבן די נאנטקייט, **דארף א מענטש אוועקגעבן צייט. מקדיש זיין צייט יעדן טאג, פארברענג מיט דיינע קינדער אינדערהיים.** רעד מיט זיי, נארישקייטן, דברים של מה בכך, אבער ציה אים צו צו דיר, רעד מיט אים, געב אים א געלעגנהייט ער זאל דיר פארציילן וואס ס'האט פאסירט היינט, וואס איז געווען אין חדר, וואס איז געווען אין ישיבה, וואס איז געווען אין די מיידל שולע, געב א געלעגנהייט דו זאלסט האבן א קאנווערסעישא"ן צוזאמען מיט דיין קינד אינאיינעם. אז די קינד זאל געפינען [ווען דער טאטע קומט אהיים] א שעה פון רוהיגקייט וואס איך האב זיך מיט וועם אויסצושמועסן און איבערגעבן וואס איך האב געהאט היינט.

**און** בשעת ער איז אינדערהיים, זאל ער זיין דארטן מיט אלע זיינע חושים. **לייג אוועק דיין טעלעפאון, דארפסט נישט אויפהייבן א טעלעפאון ווען ס'רופט! דו ביסט יעצט מיט א מיטינג מיט דיין בני בית.** ווען דו וואלסט געזעסן ביי א מיטינג אין די ביזנעס וואלסטו געוויסט אז דו הייבסט נישט אויף א טעלעפאון, ווייל מיין ביזנעס איז דא. דיין בני בית איז חשוב'ער ווי פון די ביזנעס. ווען דו קומסט אהיים ביסטו אויף א מיטינג מיט דיינע קינדער בויען א נאנטקייט און א ליבשאפט איינער צום צווייטן. אוועקלייגן אלעס וואס ער האט אין דער זייט, כדי ער זאל קענען פארברענגען מיט זיי.

**מען קויפט נישט אפ קיין קינדער מיט געבן מתנות. מען קויפט נישט אפ קיין קינדער מיט געבן געלט. דאס איז אויסעוועדיגע זאכן. וואס דארף דיין קינד האבן, "דיך" דארף ער האבן, ער דארף נישט דיין געלט, ער דארף נישט דיין מתנות. ער דארף פון דיר האבן א נאנטקייט, ער דארף הערן פון דיר א גוט ווארט, אז דו ביסט אים מחשיב און דו האסט אים ליב וכדומה, דאס וועט בויען דער קשר.** "דיך" דארפסטו אוועקגעבן כדי דו זאלסט זיך קענען מיט אים פארבינדן. די אהבה אז דאס קינד זאל שפירן אז די נאנטקייט די ליבשאפט וואס איז דא צווישן מיר און מיין טאטען, דאס איז ביי מיר חשוב'ער ווי אלע שעשועי עולם, און דאס וועל איך קיינמאל נישט איבערלאזן פאר קיין שום זאך אין די וועלט! — דאס איז אין די וואכן טעג.

## השומר שבת הבן עם הבת

**כל** שכן ווען ס'קומט א שבת, א טאג פון מנוחה, סיי פאר די עלטערן און סיי פאר די קינדער. אויסנוצן די שעות וואס מ'זיצט צוזאמען, איז דאס ביי די סעודה, איז דאס פאר די סעודה, איז דאס נאך די סעודה, א צייט פון פארברענגען מיט די קינדער אינאיינעם. איבערגיין מיט זיי וואס מ'האט געלערנט, נישט פארהערן און געבן פסקים, נאר צו בויען אהבה איינער צום צווייטן; געב א קאמפלימענ"ט אויף די פלאג וואס ער האט זיך געפלאגט די גאנצע וואך אינעם חדר. **נוץ אויס די צייט צו פארציילן סיפורי צדיקים; אריינלייגן אין דעם די שיינקייט פון דרכי התורה; די שיינקייט פון מדות טובות וואס א איד דארף זיך מיט דעם פירן.** מען קען נישט אריינפאלן אין שטוב שבת, איך גיי רעדן דברי תורה איך גיי רעדן מעשיות ווען מען איז נישט צוגעגרייט דערצו. מי שטרח בערב שבת יאכל בשבת, מען דארף זיך

צוגרייטן אין משך פון די וואך, וואס גיי איך טוהן שבתביים טיש. וואס פארא נושא וועל איך רעדן, וואס פארא נושא וועל איך פארברענגען, און וואס וועל איך קענען אריינגעבן א געדאנק פון ערליכקייט מדות טובות אין די קינדער וואס וועלן מיך אויסהערן.

**און אויב ער וועט בויען א נאנטן קשר צוזאמען מיט זיי, וועט אסאך פראבלעמען אוועקפאלן. ער וועט זיך נישט דארפן מטפל זיין מיט אנדערע זאכן מיט זיי. ער וועט נישט דארפן זוכן קיין טערעפי פון אינדרויסן וואס זאלן אים העלפן פאר די קינדער. די נאנטקייט וואס ס'וועט זיין צווישן עלטערן און קינדער וועט בויען די קינדער ערליך.**

## לגנות לפני בני ביתו דרכי הגויים ומלבושיהם

**מען** דארף מגנה זיין די דרכי הגויים וויאזוי די גויים פירן זיך, אז דאס איז נישט איידל, ס'איז נישט ערליך, ס'איז נישט אויסגעהאלטן, ס'איז נישט מענטשליך וויאזוי די גויים פירן זיך. זייערע קליידער, זייערע מאדעס, זייערע בגדים וואס זיי גייען, דאס איז נישט פאר אונז.

**ס'איז היינט איינגעריסן געווארן די שמאלע בגדים וואס מ'געט פאר קליינע קינדער. אידישע קינדער קוקן אויס ווי גוים.. מיט די שמאלע העמדער, די שמאלע הויזן, און אזוי ווייטער.** מען דארף מחזק זיין און מעודד זיין, אז מען דארף זיין געקליידעט ווי איד דארף גיין געקליידעט. ס'איז היינט דא 'לבושי כבוד' וואס איז דא אין די תלמוד תורה'ס, מען דארף עס מחזק זיין, כדי אריינצוברענגען די ליבשאפט צו קויפן נאר אזעלכע בגדים וואס זענען אויסגעהאלטן. ווען מען וועט אריינלייגן די כוחות אין די קינדער, דעמאלטס וועט מען זעהן פירות פון זיי. - דאס איז נוגע צו די עלטערן.

## הקשר והחביבות של הסב עם נכדיו

**אויף** די זיידעס, ליגט אויך א פליכט אז זיי זאלן האבן א שטארקן קשר מיט די אייניקלעך. זוכן א וועג וויאזוי זיי קענען האבן א נאנטקייט זיך צוזאמצוברענגען מיט די אייניקלעך. אן אייניקל קומט אריין אין שטוב צום זיידן, ווייז זיי ליבשאפט. ווייז א חביבות צו אים. די מינוטן שאלטער דיך אפ פון עפעס אנדערש, געב עס אוועק פאר דעם קינד וואס איז אריינגעקומען צו דיר, אז די קינד זאל האבן אן הנאה און א תענוג ווען איך גיי צום זיידן אים צו באזוכן. כדי עס זאל נתקשר ווערן מיט א נאנטקייט און אן אהבה איינער צום צווייטן, אז דאס אייניקל זאל דאס קיינמאל נישט פארגעסן די ליבשאפט וואס איך האב געהאט ביי מיין זיידן - דאס וועט אים ברענגען ער וועט זיך נישט וועלן אפרייסן פון די עלטערן, נישט אפרייסן פון די זיידעס.

**און** בפרט ווען א זיידע ווייסט אז דער מצב ביי זיין קינד אין שטוב איז נישט אזוי פויגל'דיג. עס פעלט דארטן די שלום בית, ס'איז נישטא די ריכטיגע אהבה צו די קינדער, ס'איז נישטא די ווייכקייט וואס מ'דארף האבן צו קינדער, ליגט אויף זיי א פליכט, זיי דארפן עס ערזעצן, דאס קינד מוז עס פון ערגעץ באקומען, אויב ער באקומט עס נישט פון דערהיים פון וואו וועט ער עס האבן? **זיידעס דארפן אוועקגעבן זייער קאפ און צייט ווען ס'קומט אריין אן אייניקל אין שטוב, געב דיך אוועק פאר אים, שמועס מיט אים, פארברענג מיט אים, כדי ער זאל האבן א קשר** - און אויב ס'פעלט אים דער שטוב, זאל ער עס שפירן אז ס'ווערט ערזעצט ווען ער קומט צו דעם זיידן אינדערהיים.

**און** כל שכן אז די זיידעס דארפן אכט געבן אז זייערע שטיבער זאלן אויך זיין אפגעהיטן. זיי זענען עלטערע מענטשן, זיי האלטן אז געוויסע זאכן וואס ביי זיי קען שוין זיין אינעם שטוב און ס'וועט נישט שאטן פאר זיי, און ס'קען זיין אמת אז ס'וועט נישט שאטן פאר זיי, אבער **אז ס'קומען אריין קינדער און אייניקלעך צום שטוב פונעם זיידן, טאר זיך נישט געפינען דארטן אזא זאך, אזא כלי, וואס די קינדער זענען ערצויגן געווארן אז זיי זאלן זיין אפגעהיטן דערפון.**

**ווי** ווייטאגליך איז, ווען א בחור רופט אן און פרעגט אויפן טעלעפאון, קען איך גיין שבת צום זיידן, די באבע דרייט זיך ארום מיט א סמארט-פאון, קען איך אהין גיין אויף שבת און זיין דארטן? און איך ווייס אז מוצאי שבת וועט מען זיצן דארטן און מען וועט ברענגען א ווידיא"ו וכדומה — היפוך אינגאנצן פון וואס ער ווערט נתחנך. און וואס זאל מען ענטפערן פאר אזא קינד? זאגן, גיי נישט צום זיידן?, די זיידעס דארפן האבן שכל פון זיך אליין און פארשטיין, ס'קומט א קינד אריין אין שטוב איז נישטא גארנישט, ס'דארף זיין הייליג אזוי ווי אין תלמוד תורה, אזוי ווי ס'איז ביי זיינע עלטערן אין שטוב.

## עיקר החינוך מקבלים הבנים מבית אבותם

**ס'איז** נשתנה געווארן היינט פון וואס ס'איז געווען אמאל. אין אלע דורות האט מען געוויסט אז חינוך צו

אהבת תורה, חינוך צו יראת שמים, האבן קינדער באקומען פון טאטע מאמע אינדערהיים, בעקיפין ושלא בעקיפין. וואס מ׳האט גערעדט פון תורה און יראת שמים פון אידישקייט, און פון די הנהגה וואס מ׳האט צוגעקוקט ביי די עלטערן, פון דעם זענען קינדער נתחנך געווארן. די פשוטע שמועסן אין שטוב אמאל איז געווען שמועסן פון אידישקייט. מען האט געשיקט די קינדער אין תלמוד תורה, די תלמוד תורה איז געווען מיוסד אויף איין זאך, ס׳איז געווען מיוסד אויסצולערנען דאס קינד לערנען תורה, געבן צו פארשטיין וואס איז חומש רש״י, גמרא, תוס׳, אבער איבעריגע חינוך, ווארימקייט, ערליכקייט, האבן קינדער געהאט פון דעם וואס מ׳האט באקומען אין שטוב.

**היינט** איז אנדערש. די עלטערן זענען פארנומען, די טאטע אויף די פרנסה, די מאמע איז פארנומען מיטן טעלעפאון און שאפינ״ג, ס׳איז נישט דא דער קאפ אויף ערציען די קינדער, איך שיק דאך אים אין סקול, איך שיק אין תלמוד תורה, די תלמוד תורה דארף מחנך זיין מיין קינד, די סקול וועט ארויסגעבן פאר מיר אן ערליכע אידישע טאכטער.

**א מענטש מעג זיך פרעגן אליין, זאג מיר וויפיל מינוט אין די וואך געסטו אוועק פארן חינוך פון דיין קינד? מאכן א חשבון פאר זיך, וויפיל צייט האסטו אוועקגעגעבן די וואך צו פארברענגען מיט דיין קינד און מחנך צו זיין? וויפיל צייט שבת געסטו אוועק פאר די חינוך פון דיינע קינדער?**

**און** מ׳האט אראפגעווארפן פון זיך דער חיוב פון חינוך, למחצה ולשליש ולרביע, מ׳האט עס ארויפגעווארפן אויף די תלמוד תורה, און באמת די מלמדים טוען היינט א אויסערגעווענליכע שיינע ארבעט, זיי טוען מלאכתם באמונה, סיי אין לימוד התורה, און סיי זיי וויסן אז קינדער באקומען נישט אין שטוב דעם ריכטיגן חינוך צו אהבת תורה און יראת שמים, זוכן זיי ביי יעדע געלעגענהייט וויאזוי מ׳קען עס אריין ברענגען אינעווייניג אין די קינדער, אשרי חלקם, מצדיקי רבים ככוכבים לעולם ועד. אבער זיי זענען זייער באגרעניצט, זייער צייט. זיי מוזן לערנען מיט די קינדער, מען מוז דאך אנקומען יעדע וואך וואס מען דארף צו לערנען, און ווי קען זיך א מלמד מטפל זיין מיט צוואנציג דרייסיג קינדער מיט יעדן איינעם אפירנעמען עקסטער און פארברענגען, ער קען דאך נאר רעדן בכללות, ער קען האלטן א דרשה און ער קען זאגן, אבער נישט מיט א קינד אדורכצוגיין מיט א ליבשאפט אריינפרעגלן אין אים אהבת ה׳. ס׳פעלט די טבעיות׳דיגע אהבה וואס עלטערן האבן צו קינדער בשעת מ׳איז מחנך, דאס קען א מלמד נישט ערזעצן.

**און** מען דערקענט, דער עיקר חינוך היינט דערקענט זיך עס נישט פונעם תלמוד תורה, פון דעם זעלבן קלאס קען ארויסקומען אזאנס און אזאנס, אלעס ווענדט זיך וויאזוי די שטוב איז. ווען די שטוב איז א ערליכע שטוב דערקענט זיך עס אויף די קינדער, ווייל דער עיקר חינוך איז וואס מ׳איז מקבל פון די עלטערן. און מען דארף עס לייגן צום הארץ און וויסן, **נאר עלטערן האבן דעם אמת׳דיגן כח מחנך צו זיין קינדער, אריינצוברענגען אין זיי אהבת תורה ויראת שמים. די שטיבער ווי ס׳איז דא א אמת׳דיגע ליבשאפט, א קשר צווישן קינדער און עלטערן, און מען געט אוועק צייט פאר חינוך פון קינדער, די שטיבער זענען מצליח, גדלו והצליחו ועשו פרי.**

## הרבה אברכים יש להם ירידה אחר חתונתם

**שלמה** המלך זאגט (משלי כב-ו), חנוך לנער על פי דרכו גם כי יזקין לא יסור ממנה. זיי מחנך דיין קינד אין די יוגנט על פי דרכו, אויף זיין וועג, גם כי יזקין, ווען ער וועט ווערן אלט, לא יסור ממנה, וועט עס נישט אפגעטון ווערן פון אים. פשוט איז דער פשט, אויב דו וועסט מחנך זיין דיין קינד אין דער יוגענט און ער האט זיך צוגעוויינט אין דער יוגנט אויף חינוך צו תורה ומצות, וועט ער בלייבן דערמיט אויף שטענדיג אויכעט, ס׳איז א תוצאה, אז ווען דו וועסט געבן חנוך לנער על פי דרכו, וועט די תוצאה פון דעם זיין אז גם כי יזקין ער וועט ווערן עלטער וועט זיך עס אויך נישט אפטון פון אים.

**איך** מיין אבער אז ס׳ליגט נאך א נקודה דערין. מ׳האט גערעדט יעצט פון חינוך פון קינדער, לאמיר צוריק גיין צו די טאטעס. וואס זענען שוין אדורכגעגאנגען די ימי החינוך פון פריער, און זיי זענען היינט געווארן די מחנכים פאר זייערע קינדער. ווי יעדער פארשטייט, מען קען נישט זיין קיין מחנך אויב מען איז אליין נישט מחונך. ווי קען ער זיין א מחנך פאר קינדער אויב ער איז נישט מחונך. מ׳קוקט זיך צו זעהט מען אז ס׳איז דא זייער אסאך יונגעלייט וואס אין די יונגע יארן זייערע ווען זיי זענען געווען בחורים אין די ישיבה, זענען זיי געווען מצויינים, פון די אויסגעצייכענטסטע, צי זיי זענען געווען די בינונים

פון די ישיבה, זיי האבן זיך צוגעשטעלט מיט וואס זיי האבן געקענט.

**און** אפילו די שוואכע וואס איז געווען אין ישיבה, וואס אין כשרונות זענען זיי נישט אנגעקומען צו ווייט מיט תורה, אבער רובם ככולם זענען געווען ערליך, זיי זענען געווען מופלגים ביראת שמים, על כל פנים ברצון האבן זיי געוואלט דינען דעם אייבערשטן, און וואו זיי האבן געקענט, וואס איז יא געווען בידם, האבן אפילו די שוואכע אויך געטוהן. ס׳איז געקומען צום דאווענען, האט ער געדאווענט מיט א ווארימקייט, די תפילות איז געווען מיט אן התלהבות. טוהן א מצוה איז עס געווען מיט א שמחה און מיט א ברען מיט א קאך. אפילו ער איז אמאל נכשל געווארן, ער האט זיך נישט געקענט מתגבר זיין אויפן יצר הרע, אבער דער מהות בדרך כלל איז געווען א הייליגער מהות ווילאנג מ׳איז געווען אין ישיבה. סיי די מצויינים און סיי די בינונים, אפילו די שוואכע, אין יראת השם זענען רובם ככולם געווען ערליך.

**נאך** די חתונה, מ׳גייט ארויס פון ישיבה, מ׳איז אריין אין כולל, ס׳גייט אדורך א קורצע צייט מ׳דארף דאך ברענגען פרנסה, מ׳גייט ארויס לעולם המסחר, לאמיר געבן א קוק וואס איז געווארן פון די אלע טייערע בחורים וואס זענען געווען אין די ישיבה, וואס איז געווארן פון זיי א פאר יאר נאך די חתונה.

**איז** דא פארשידענס. ס׳איז דא אזעלכע וואס זענען גאר שטארק געשטיגן. זייער התנהגות אין תורה ותפלה איז געשטיגן אסאך און אסאך מער ווי זיי זענען געווען אלץ בחור. זיי זענען געווארן עלטער, ס׳איז דעתם ניתוספת עליהם, מ׳איז געווארן געזעצט, און זיי שטייען אין אסאך א העכערע מעלה ווי זיי זענען געשטאנען בשעת זיי זענען געווען בחורים אין ישיבה. זיי זענען געווארן אמת׳דיגע חשוב׳ע יונגעלייט, מיט א התעלות. דאס איז א טייל.

**בדרך** כלל איז אבער נישט אזוי. ס׳איז דא וואס האבן געהאט א ירידה נאכדעם וואס מ׳האט חתונה געהאט, וברבות הימים, נאך א פאר יאר איז אדורכגעגאנגען, איז צוגעקומען א ירידה נאך א ירידה, מ׳איז געפאלן נאך מער פון וואס מ׳איז געווען פריער. די אידישקייט איז ביי זיי אפגעשוואכט געווארן, אלעס איז א מצות אנשים מלומדה, מ׳דארף דאווענען, מ׳דארף טוהן א מצוה, ס׳איז אלעס ווייל מ׳איז אזוי צוגעוואוינט צו טוהן.

ס׳פעלט די פרישות, די זהירות פון אן עבירה. **די צוגעבינדענקייט צו טוהן א מצוה וואס מ׳האט געהאט אמאל איז אויסגעלאשן געווארן, זיין אידישקייט איז א קאלטער אידישקייט,** דאס האט זיך געטוישט פון ווען מ׳איז ארויסגעגאנגען לעולם המסחר.

## שינוי צורת הפיאות והזקן, ואופני הלבוש בצניעות

**און** ס׳איז דא וואס ס׳איז געגאנגען נאך ווייטער די ירידה. **במשך הימים איז געטוישט געווארן זייער צורה וויאזוי זיי גייען.** די בארד איז געשניטן געווארן, צוגעפיצט געווארן. די פיאות זענען קלענער געווארן, געלייגט אונטער די אויערן וואס ער האט אמאל נישט געטוהן. **די לבושים האבן זיך געטוישט פון וואס ער איז געגאנגען אנגעטוהן. צוגעפאסט מער צו די גוי׳אישע וועלט.** ער זאל נעמען א בילד וויאזוי ער האט אויסגעקוקט אלס בחור, אלס חתן, ווען ער האט זיך געשטעלט חתונה צו האבן, וויאזוי ער קוקט אויס היינט דריי פיר יאר שפעטער, כרחוק מזרח ממערב די צוויי צורות פון דעם זעלבן בחור וואס מיט יארן צוריק איז ער געשטאנען ברום המעלה.

**סיי** ער און סיי ביי זיין בני בית מיט ווען ער האט חתונה געהאט. פאר די חתונה איז מען געגאנגען בצניעות באשיידן, מען האט זיך צאמגענומען די האר פונעם קאפ ס׳זאל זיין איידל, מיט די מלבושים איז מען געגאנגען איידל. מען האט חתונה געהאט, א פאר יאר נאך די חתונה, מען וועט נעמען א בילד, דו וועסט זעהן ס׳איז נישט די זעלבע בילד וואס איז געווען אמאל. **מ׳האט אוועקגעווארפן די צניעות וואס מען האט געהאט. מען גייט מיט לאנגע שייטלער, צעפלאסן, כגויי הארץ! אז מען זאל נישט וויסן אז דאס איז א איד, וואלט זיך געדאכט אז דאס איז א גוי׳טע אינדרויסן אויף דער גאס. די מלבושים גייט מען לויט די מאדעס פון די גויים.** א טויש נאך די חתונה פון וואס ס׳איז געווען פון פריער.

**אמאל,** ליידער, דער מאן פאדערט עס גאר אז זי זאל אזוי גיין, און אמאל פשוט לא איכפת ליה, ס׳אינטערעסירט אים נישט וואס די ווייב טוט, זאל זי גיין וויאזוי זי וויל, זיין אידישקייט איז אויפן שפיץ גאפל, ס׳אינטערעסירט אים נישט, צו גייט זי אזוי, צו גייט זי אזוי, ער מאכט נישט קיין עסק, זאל זי טוהן וואס זי וויל.

**און** מען דארף שטענדיג געדענקן, ביז ווילאנג א מענטש טוישט זיך נישט זיין לבוש, ער האט זיך נישט געטוישט

זיין בארד און פיאות, ער האט נישט געטוישט זיין רעקל מיט וואס ער גייט, אפילו ווען ער פאלט, איז זייער גרינג פאר אים שפעטער צוריק צודרייען, צוריק קומען צו זיינע חברים, צוריק קומען צו זיין ביהמ״ד, צוריק קומען צו דעם מקום וואו ער איז געווען, ער האט זיך נישט געטוישט אין חיצוניות פון וואס ער איז געווען פון פריער. ער קען צוריק קומען צו זיין טאטען אין שטוב און צו זיינע חברים צו זיין סביבה.

**איינמאל** אז מ׳טוישט זיך דעם חיצוניות, ער האט זיך געטוישט זיין בארד און פיאות, ער האט זיך געטוישט זיין הוט און רעקל, איז זייער שווער שפעטער. — ווען ער כאפט זיך אז ער גייט נישט אויפן ריכטיגן וועג און ער וויל צוריק קומען שפעטער, האט ער א שווערע עבודה זיך צו טוישן און צוריק אריינצופאסן אין די סביבה ווי ער איז ער געווען. ס׳איז אים זייער שווער נאכדעם זיך מסתדר צו זיין צוריק אין די חברה ווי ער איז געווען פארדעם. **און א מענטש דארף עס האלטן שטענדיג פאר די אויגן, אפילו ווען ער האט א ירידה, מיין חיצונות טויש איך נישט, איך וויל בלייבן אינדרויסן איך זאל זיך נאך קענען צוריק דרייען ברבות הימים.**

## ירידת ההורים גורמת עגמת נפש בחינוך בניו במוסדות התורה

**וואס** געשעהט שפעטער מיט דעם יונגערמאן. ער האט חתונה און ער איז נישט דער זעלבער ווי ער איז געווען, דער באשעפער געט אים קינדער, ער דארף זיי אריינלייגן אין א מוסד, הייבט ער אן צו באקומען שוועריקייטן, די מוסדות ווילן נישט אננעמען, דו האסט זיך צוגעפיצט, דו ביסט נישט דאס וואס דו ביסט געווען פריער, **מ׳וויל נישט אריינעמען די קינדער נישט אין תלמוד תורה, און שפעטער ווען עס איז נוגע צו די ישיבה וויל מען נישט אריין נעמען אין די ישיבה. ער מיינט ער קען טון וואס ער וויל און נאכדעם די קינדער זאל מען אננעמען. ס׳איז נישט אזוי.** [איך גיי נישט בארעכטיגן אז ס׳דארף אזוי צו זיין, אבער דער מציאות איז אזוי]. די עלטערן פון די קלאסן ווילן נישט אז ס׳זאל אריינקומען דארטן איינער וואס האט זיך געטוישט פון וואס ער איז געווען אלץ בחור. און מען דארף משים אל הלב זיין, אז ווען ער טוט עפעס א שריט, האט ער עס נישט געטון פאר זיך, זיין גאנצע שטוב האט ער אראפגעברענגט שפעטער. און דאס איז אפילו ער זאל האבן א גוט קינד, ווייל די מוסדות האבן אייגענע קינדער מיט וועם מ׳דארף זיך מטפל זיין. אבער אויב זאלן זיי נאך האבן א שוואך קינד און א שוואכן בחור, ער טרעפט נישט קיין פלאץ שפעטער וואו ער זאל קענען מחנך זיין דאס קינד, ווייל אז א מענטש טוישט פון וואס ער איז געווען, איז ער אויסגעשפיגן געווארן פון די חברים פון ארום און ארום, אפילו ווען מען גריסט אים, אפילו מ׳האלט אן א קשר מיט אים, אבער ס׳האט א גבול, ווען ס׳וועט קומען אריינצוגעבן אין א מוסד, האט ער שוועריקייטן שפעטער מען זאל אים אריינעמען.

**און** אסאך מאל מוז ער אוועקמופן אפילו פון דעם פלאץ וואו ער וואוינט כדי ער זאל אנקומען אויף א פלאץ ווי ער זאל קענען דארטן מחנך זיין זיינע קינדער — דאס איז ווייטאגליך! פארוואס זאל אזא זאך פאסירן, פארוואס זאל ער נישט משים לב זיין, וויסן אז מען דארף זיך צו האלטן צו דעם וואס מען איז געווען.

## חוסר ההתלהבות בקיום המצות ולהתנהג בתהלוכות החיים כאנשים מגושמים

**ס׳פעלט** די התלהבות, ס׳קומט א שבת, די שבת איז געווארן א טאג וואס מ׳רוהט, מען שלאפט, מען עסט ביי קידושים. ס׳קומט א יום טוב, מען איז פרייליך אביסל אין חיצוניות, מען עסט מאכלים און גוטע פארציעס לכבוד יום טוב, אבער ס׳פעלט אים די שמחה אין טיפעניש פונעם הארץ, וואס א איד דארף האבן א שמחת יום טוב האט ער נישט. און וואס טרעפט ער יא זיין סיפוק? א מענטש מוז דאך ערגעץ טרעפן זיין צופרידענהייט, ער טרעפט עס אין ביזנעס. נאכצוגייען נאך געלט, מאכן געשעפטן, פארברענגן זיינע לידיגע צייט מיט אונטערהאלטן זיך מיט פארשידענע כלים וואס איז היינט דא.

**פון** חשוב׳ע בחורים איז געווארן מגושמים בתכלית הגשם, סיי אין זייער הנהגה וויאזוי זיי פירן זיך, סיי אין זייער השקפה, מען טאפט אין דער פינסטער, ער ווייסט נישט פארוואס ער לעבט, ער עסט ער טרינקט, ברענגט געלט אין שטוב, ער איז פארנומען איבערן טאג זעהן אויפן וואט״ס-א״פ א פאר נארישע דזשאו״ק׳ס, און ס׳גייט אדורך דער טאג, און ער האט זיך אונטערגעהאלטן וואס ער האט געהערט פון ראובן און פון שמעון, אביסל נייעס, אביסל פאליטיק, ער פריידט זיך אז דער טאג איז שוין אדורכגעגאנגן — ער לעבט אין א עולם התוהו! אן דעת!

**און** ס׳איז דא אסאך וואס ס׳טוט זיי וויי דאס הארץ. תוך תוכו איז ער צעבראכן ביי זיך, ס׳טוט אים וויי זיין מצב,

ער וואלט געוואלט זיין גוט, דאס הארץ צוגייט אים, וואס איז געשעהן מיט אים, פארוואס האב איך געקענט אין די יוגנט זיין ברום המעלה, איך האב געקענט שטיין אויף אזוי הויך פלאץ, ווי קען זיין אז א פאר יאר נאך די חתונה האב איך באקומען אזא ירידה, איך בין נישט דער זעלבער וואס איז געווען? ער שלינגט עס אין זיך אריין און ער קען עס נישט פארדייען, וואס האט פאסירט מיט מיר אליין? — אבער ער איז געטרישט געווארן פון וואס ער איז געווען.

**און** אונז דארפן מיר זיך מתבונן זיין, וואס איז טאקע די סיבה וואס האט צוגעברענגט צו אזא מצב? פון די זעלבן פלאץ, פון די זעלבע ישיבה, פון דעם זעלבן כתה, איינער איז געגאנגען רעכטס איינער איז געגאנגען לינקס — פארוואס זענען דא אזעלכע וואס זיי זענען מצליח נאך די חתונה און זיי שטייגן, און פארוואס איז דא אזעלכע וואס האבן א ירידה? און ווען איינער איז חס אויף זיך, ער וויל נישט אז זיינע טעג זאלן אדורכגיין ליידיג, ער וויל נישט מחליף זיין אן עולם עומד פאר אן עולם עובר, ער וויל נישט טוישן די צוויי וועלטן, וואס האט ער צו טוען נאך זיין חתונה, ער זאל קענען ווייטער אנהאלטן זיין דרגא אין עבודת ה׳ וואס ער האט געהאט אין דער יוגענט.

## הקרירות בחוצות העולם נורא מאוד

**די** תשובה דערויף איז, אודאי איז דא אסאך סיבות וואס איז נוגע אין פרטיות, מ׳קען נישט מדמה זיין איין יונגערמאן צום צווייטן. לא ראי זה כראי זה, אבער אונז וועלן מיר רעדן א כלליות׳דיגע נקודה וואס ס׳שטעקט זייער אסאך דערין, און דארטן ליגט על פי רוב די חילוקים פון די צוויי וואס האבן זיך צוטיילט. — און ס׳איז א געוואלדיגער יסוד אין לעבן פונעם מענטש, ווייל ס׳איז נוגע סיי פאר זיין עתיד און פאר די עתיד פון זיינע דורות, זיינע קינדער שפעטער.

**ס׳איז** ווינטער אינדרויסן, א מענטש איז אינדרויסן אויף דער גאס, ס׳איז קאלט, קעלט און שניי, אז מען בלייבט שטיין אינדרויסן וועט ער פון שעה צו שעה ווערן אפגעקילט נאך מער, ער קען נישט בלייבן ווארעם אינדרויסן, ווייל די גאס איז אייז קאלט ס׳איז אינמיטן ווינטער, אז ער בלייבט אינדרויסן וועט ער ווערן פארפרוירן, ער וועט אריינגיין אין א שטוב ווי ס׳וועט זיין ווארעם וועט ער זיך קענען כאפן, אנהייבן זיך אנצוווארימען פון די קעלט וואס ער האט געהאט אינדרויסן, ס׳וועט אוועקגיין די קעלט וואס ער האט געהאט. אז ס׳וועט נאך אלץ נישט גענוג זיין ווארעם, וועט ער זיך ארומנעמען מיט א דאכענע, ער וועט זיך ארומנעמען מיט א ווארימער בגד, און אזוי וועט ער זיך קענען אנווארימען ער זאל נישט קאלט ווערן.

**אזוי** איז דער לעבן פונעם מענטש. **די גאס היינט אינדרויסן איז אייז קאלט! ס׳קילט אפ, יעדע דבר שבקדושה ווערט אפגעקילט אינדרויסן אין דער גאס. אין היינטיגע דורות די קאלטקייט פון קדושה וואס איז דא אין די גאס איז נורא מאד! ס׳איז אונטער זיר״א די קעלט וואס איז דא אינדרויסן!. די טומאה וואס איז היינט דא אין די גאסן איז נישט געווען מימות עולם, זייט די וועלט שטייט איז נישט געווען אזוי געזינקן די גאס ווי ס׳איז היינט!** אז מ׳קען נישט אדורכגיין אינדרויסן אויף דער גאס אן מ׳זאל נישט זעהן א זאך וואס רייצט אן דעם יצר הרע פונעם מענטש. די געוואלדיגע פריצות וואס איז דא א.א.וו. עין רואה והלב חומד, אז מ׳זעהט פאלט מען, די הארץ הייבט אן צו גליסטן.

## אופני הפרסומת ודרכי הגויים
## מושכים את האדם לשעשועי עוה״ז

**די** הבלי עולם הזה, די פארגעניגן פון די וועלט גלאנצן מיט א אויסערגעווענליכע גלאנץ, ווי ס׳איז צוגעפיצט געווארן נאכצוגיין נאך די הָא-הַא פון די תענוגים פון די וועלט. מען קוקט אויף די אדווערטייזמענטס, וויפיל חכמה ליגט אין די אדווערטייזמענט צוציען די אויגן און דעם הארץ פונעם מענטש איז אויסערגעווענליך, אז ס׳דארף נישט רעדן, מען דארף קיינעם נישט צורעדן צו ווערן א מגושם, דער בילד אליין וואס ער זעהט טאג טעגליך רעדט מער ווי טויזנט ווערטער, עס טוט אפקילן דעם מענטש.

**וועלן** מיר נעמען נאר א אידישע אדווערטייזמענט, א קליינע אדווערטייזמענ״ט, מען וויל אדווערטייזן א מאכל צו עסן. אמאל האט מען געשריבן אין צייטונג ס׳איז ארויסגעקומען א געוויסע מאכל, הייסט עס אזוי צי אזוי, ווער עס וויל עס קויפן קען עס טרעפן אין געשעפט. היינט קומט מיט אן אדווערטייזמענט, א בילד פון א אידיש יונגל, א אידישן בחור, נישט א מאדערנער בחור ווי אמאל מיט א קליין קאפעלע מיט קורצע פיאות, **נאר מען נעמט א בילד פון א חסידישן בחור מיט לאנגע פיאות, און ער זעצט זיך אראפ ביי דעם טיש ווי ס׳ליגט דארטן דער**

**מגושם׳דיגער מאכל, און דער פנים שטראלט אים פון די מאכל וואס מ׳האט אראפגעלייגט אויפן טיש, מער ווי א שמחה וואס אונז האבן מיר ווען אונז טוען מיר א מצוה! - און ס׳רייצט אן דעם מענטש!** און דאס איז שוין א כשר׳ע אדווערטייזמענט. וויפיל קאפ ליגט אין דעם צוציען אז א חסידישער בחור זאל זיך אויף אראפזעצן און עסן אזא פרעס ווי ס׳איז דארטן צוגעגרייט.

**און** כל שכן ווען מען רעדט פון אדווערטייזמענטס פון גויים, פון געמיינע גויים, וואס פארא רושם דאס מאכט אויפן מענטש. דאס איז די גאס אליין אן קיינעם זיך טרעפן, וואס פארא רושם, ס׳קילט אפ א איד.

**און** אז מען געפינט זיך נאך אויף דעם פלאץ ווי מ׳ארבעט צוזאמען מיט געמיינע גויים, און ער דארף צוקוקן וויאזוי זיי פירן זיך אויף איבערן טאג, ער הערט זייער געשפרעך וויאזוי זיי רעדן, וואס ס׳קומט נישט ארויס קיין איין אידל ווארט [אין משך פונעם טאג] פון זייער מויל, און ער איז א אונס, ער דארף דאך פרנסה, **און ער מוז זיצן דארטן הערן פון צופרי ביז ביינאכט, צוצוקוקן וויאזוי דער גוי רעדט און וויאזוי דער גוי פירט זיך, קילט עס אפ דעם מענטש און ס׳מאכט אים קאלט,** ס׳מאכט אויף אים א רושם, יודעים ולא יודעים. ס׳גייט אדורך א שטיק צייט און ער טרעפט זיך א ליידיגע כלי.. וואס איז געווארן פון אים, ס׳האט זיך אויסגעלאשן פון אים דער פייער וואס ער האט געהאט אמאל צו אידישקייט וואס ער האט געהאט אין די יוגענט, ס׳איז אוועקגענומען געווארן פון אים די השגות וואס ער האט געהאט אמאל, און ער הייבט אן צו געפינען זיין סיפוק אין תאוות עולם הזה - דאס איז די מציאות הדברים.

## להתחמם באויר חם של תורה ויראת שמים

**אויף** דעם איז נישטא קיין אנדערע עצה, נאר ווען ס׳איז קאלט אינדרויסן דארף מען טרעפן א ווארעם פלאץ וואו איך קען אריין גיין און זיך דארטן אנווארעמען. ער מוז טרעפן א פלאץ ווי ס׳בלאזט א ווינט פון אהבת תורה ויראת שמים, וואס זאל אים באשיצן ער זאל נישט ווערן אפגעקילט פון די קעלט פון די גאס.

**וואו** טרעפט מען דעם ווינקל, דער אהבת תורה וואס זאל האלטן ווארעם דעם מענטש? דאס איז אויף צוויי אופנים. אדער מ׳איז זיך קובע זיין פלאץ אויף א מקום ווי ער קען שטענדיג הערן דברי תורה מוסר און הדרכה מידי שבת בשבתו, די וואך איז דיר אזוי ווי עס איז, אבער שבת א יומא דנשמתין האט ער א טאג ווי ער געפינט זיך אויף א פלאץ וואו ער באקומט הדרכה, ווי ער האט אן השפעה פון תורה, פון יראת שמים, מוסר. ער טרעפט א פלאץ ווי ער זאל דארטן האבן חיזוק און ווארימקייט אויף די גאנצע וואך.

**זיך** מדבק זיין אין חכמי ישראל, ס׳איז נישט גענוג אז ער האט א רבי׳ן פאר ווען ער געט א קוויטל ווען ער דארף איינמאל אינעם יאהר, צי ער איז מכבד זיין רבי׳ן מיט סנדקאות צי א סידור קידושין, צי ער איז מחזיק די מוסדות פון דעם רבי׳ן, אלעס איז זייער פיין, צי ער גייט אמאל הערן א דרשה שבת הגדול און שבת שובה, דאס איז נישט גענוג ס׳זאל אנווארימען א מענטש פון די גאס אינדרויסן. **ער דארף זיך אויסקלויבן אז ער זאל האבן א פלאץ ווי ער קען מקבל זיין שטענדיגע הדרכה. שטענדיג הערן דברי תורה. שטענדיג הערן דברי מוסר וואס זאל אים אנווארימען ער זאל נישט פארפאלן ווערן אינדרויסן. א פלאץ ווי מען בוויעט אויף ריינע יראת ה׳ וואס ער דארף צו האבן.**

**ער** מוז נישט טרעפן קיין חכם מופלג בדורו, מען מוז נישט טרעפן קיין עוג מלך הבשן דערצו, א פשוטער דאקטער איז אויך גוט דערצו, א פלאץ וואו ס׳איז דא א תלמיד חכם וואו מ׳הערט דברי תורה און מ׳זעהט ערליכקייט און איידלקייט, וואס דאס קען מען געפינען אין יעדע שטאט, אין יעדע געגענט קען ער טרעפן אזא ווינקל, הולך את חכמים יחכם, דאס וועט אים אנווארימען! מען ווערט קאליע ווייל די גאס מאכט קאליע, מען ווערט קאליע ווייל מען געפינט זיך אינדרויסן אויף א אויר פון קאלטקייט, ער מוז טרעפן א פלאץ ווי ס׳וועט אים אנווארימען. יעדן שבת זאל ער באקומען א פרישע פערציאן פון בלוט וואס זאל אים ווארימען ער זאל קענען זיך פירן ערליך*. דאס איז איינס.

---

***קטע בענין התדבקות לחכמי ישראל שבכל דור ודור, שהשמיע מרן שליט״א בתחלת הדרשה לפני הספידן של צדיקים וגדולי ישראל שנסתלקו בשנה שעבר:**

... אין יעדן דור האט דער אייבערשטער געשטעלט חכמי ישראל וואס האבן אין זיך א ניצוץ פון משה רבינו. נישט נאר זיי האבן א ניצוץ פון די תורה פון משה רבינו, זיי האבן א ניצוץ אויך פון די טייערע מידות וואס משה רבינו האט געהאט אין זיך, וואס האיש משה עניו מאוד מכל האדם אשר על פני האדמה, און די צדיקים זענען ענוים ושפלים, ביי זיך זענען זיי צובראכן אויף שברי שברים, זיי זענען צנועים במעשיהם, זיי טוען באהאלטן זייערע מעשים וויפיל מען קען זיך מסתיר זיין פון מענטשן, זיי זיצן און זענען מתפלל שטענדיג אויף בני דורם, אז די אייבערשטער זאל צושיקן פאר אידן וואס מען דארף, זיי זענען מבקש רחמים אויפן כלל ישראל שטענדיג, זיי זענען גרייט צו האבן מסירות נפש לטובתן של ישראל, ווי משה רבינו האט געהאט אין זיך די מדה, מחני נא מספרך אשר כתבת..

## להתחבר בחבורה של אנשים יראים ועובדי ה׳

**צוזייטנס.** מען דארף זיך קובע זיין און דאווענען ביי א חבורה פון עובדי ה׳. א גוטע חבורה, א גוטע חברותא פון די וואס דינען דעם אייבערשטן. הרבה חברותא עושה, חברותא מאכט אסאך אויס. **א מענטש ווערט נשפע זייער אסאך אויף גוטס ווען ער געפינט זיך אין א גוטע חברותא.** און כל שכן אז ער קען בלייבן מיט זיינע חברים מיט וועם ער האט געלערנט אין די יוגענט צוזאמען, וואס זיי זענען נאנט צו אים און ער פילט א נאנטקייט פון אזויפיל יארן וואס מ׳איז געווען צוזאמען אין די ישיבה.

**די** עצם התחברות מיט א חבורה צוזאמען אז מ׳ווערט איינס, איש לרעהו יאמר חזק, איינער איז מחזק דעם צווייטן, מ׳הערט אמאל א גוט ווארט פונעם חבר, אפילו יענער האט נישט געוואוסט וואס ער האט אויפגעטון, טוט עס אסאך אויף, מען איז מקבל שטענדיג חיזוק פון די חברים בגשמיות וברוחניות - דאס האלט אז מ׳זאל זיך קענען פירן ערליך נאך די חתונה.

**און** דער מציאות ווייזט, אז די יונגעלייט וואס נאך זייער חתונה האבן זיי קובע געווען זייער פלאץ אויף אזא מקום ווי ס׳איז דא א שטענדיגער משפיע אין תורה און יראה, אדער זיי האבן זיך קובע געווען זייער פלאץ אין א חבורה פון יראי ה׳ און זיי זענען געווארן איינס מיט די חברותא, אמאל איז מען א פרעמדער מען שטייט נאר אין דער זייט, אבער אז מ׳איז געווארן איינס צוזאמען, און כל שכן ווען ער האט א פלאץ ווי ער האטביידע צוזאמען, א חבורה פון יראי ה׳ און א מדריך און א משפיע וואס טוט אריינברענגען אהבת תורה ויראת שמים, די האבן מצליח געווען, די זענען געבליבן ערליך נאך די חתונה אויכעט.

**און** דאס איז גרינג פאר איינעם וואס איז אזוי נתחנך געווארן, פאר איינעם וואס אין דער יוגענט איז ער נתחנך געווארן צוזאמען מיט זיינע עלטערן אויף אן ערליך מקום אויף א ערליך פלאץ, ער איז געווען צוגעוואוינט פון די יוגענט אן צו הערן דברי תורה ומוסר, ער האט נאכדעם חתונה, שטעלט ער זיך אויף אויף דעם זעלבן וועג, ער איז ממשיך דארטן און ער שטייגט.

**אבער** דאס איז נאר ווען ער בלייבט וואוינען נאך די חתונה דארטן ווי ער איז געווען צוזאמען מיט די עלטערן. ער געפינט זיך צוזאמען מיט זיינע חברים וואס ער האט געלערנט מיט זיי צוזאמען, דארף ער זעהן פאר זיין טובה, פאר זיין שטייגן, נישט אפהאקן דעם קשר מיט זיי, ממשיך זיין זיין צוגעבינדנקייט, הרבה חברותא עושה, **ער דארף מאכן אלע טצדקי וואס ער קען, אפילו ס׳קומט אן שווער, בלייב מיט דיינע חברים צוזאמען.** צוזאמען דאווענען, צוזאמען שמועסן, זאלסט האבן א מקום וואו דו זאלסט זיך געפינען מיט דיין חברותא אינאיינעם, ס׳זאל זיך נישט אפטיילן די חבורה. - און אשרי ווער ס׳איז זוכה דערצו.

---

**אסאך** מאל ווילאנג אונז האבן די צדיקים צווישן אונז, ווייסן מיר נישט גענוג צו שאצן די חשיבות פון די צדיקים וואס די אייבערשטער האט אונז געגעבן. און עס איז דא כמה סיבות דערויף, פארוואס שעצט מען טאקע נישט די חכמי ישראל וואס אונז האב מיר. - ווייל זיי זענען צנועים במעשיהם, זיי זענען באהאלטן, זיי זענען ממיתים עצמם באהלה של תורה, זיי האבן נישט עפעס אנדערש אין די וועלט נאר תורת ה׳, און זייער תורה און זייער צדקות איז נישט באקאנט פאר יעדן איינעם ווי ווייט עס דערגרייכט, נאר פאר די וואס דרייען זיך ארום זיי, און געפונען זיך אין זייער סביבה.

**עס** זענען דא חכמי ישראל וואס זענען יא מפורסם, מען ווייסט יא פון זייער תורה, מען ווייסט זייער צדקות, **מען נוצט עס נישט אויס גענוג אז מען זאל נהנה זיין פון זיי וויפיל מען קען נהנה זיין, ווייל עס איז שווער פאר מענטש זיך מכניע צו זיין פאר א צווייטן, עס קומט נישט אן גרינג פאר מענטש, אז ער זאל זיך בייגן פאר א צווייטן, און וועלן מקבל זיין און הערן פון אים זיך צו לערנען.** - און כל שכן ווען ער דארף עס ווייזן ברבים, יעדער זאל עס זעהן, אז ער איז נכנע אונטער דעם חכם, האלט מען זיך צוריק און מען איז נישט מקבל.

**מען איז גרייט צו הערן תורה, מען איז גרייט צו הערן מוסר ותוכחה פון משפיעים מארבע כנפות הארץ, פון אלע חלקים פון די וועלט איז ער גרייט צו הערן, אבער נישט פון די חכמי ישראל מיט וועם ער וואוינט צוזאמען, נאר פון די פרעמד, מען וועט ברענגען איינעם פון ארץ ישראל, פון יורא״פ, איז ער גרייט צו הערן, ווייל דאס קאסט אים נישט קיין הכנעה, ער קען מיך נישט, און איך קען אים נישט, איך דארף זיך נישט מכניע זיין פאר אים, איך הער אויס די ווערטער וואס ער זאגט, אז איך וויל יא מקבל זיין בין איך מקבל, אז איך וויל נישט מקבל זיין בין איך נישט מקבל, אבער הערן פון איינעם וואס ער דארף זיך מכניע זיין פאר אים, דאס איז שווער. - יא, אויף טעלעפאנען וועט ער הערן אסאך, דרשות פון דעם און פון יענעם, אבער ער איז נישט גרייט אויף זיך מכניע צו זיין פאר חכמי ישראל מיט וועם ער לעבט צוזאמען.**

**און** נישט נאר מען איז זיך נישט גרייט מכניע צו זיין, אסאך מאל די חכמי ישראל מיט וועם ער איז צוזאמען, וועם ער קען, און מען דריידט זיך מיט זיי, קוקט מען אסאך מאל אויף זייערע חסרונות אויך, ער טרעפט אייביג, דא האט האט ער געטוהן עפעס א זאך, וואס לפי דעתו האט ער נישט געדארפט אזוי צו טוהן, און מען איז מטיל מום בקדשים, כל הנגעים אדם רואה חוץ מנגעי עצמו, יענעם׳ס נגעים איז זייער גרינג צו זעהן, און קנאת אדם מרעהו, וואס מען פארגינט נישט איז גורם אז מען איז מבטל און מען איז משפיל ישרים וטובים..

## לשמוע מידי שבוע בשבוע דברי מוסר והדרכה

**אבער** ס'איז דא אסאך יונגעלייט וואס נאך די חתונה שטייען זיי אין א פרשת דרכים. ער ווייסט נישט וואו גיי איך דאווענען, וואו גיי איך יעצט זיך אריינזעצן. די זענען בחזקת סכנה. די קענען זייער שנעל פארפאלן ווערן. אמאל איז דא וואס די חברים מיט וועם ער האט געלערנט צוזאמען האבן זיך צוטיילט אויף פארשידענע פלעצער, ער קען נישט זיין פארבינדן מיט זיי, ער האט נישט זיין חברותא וואס ער האט געהאט פון פריער. אדער אמאל נאך די חתונה האט ער געדארפט גיין וואוינען ערגעץ אנדערש, און ער געפינט זיך דארטן איינער אליין, ער האט נישט זיינע חברים ארום זיך, און ס'איז אים שווער ער זאל זיך מסדר זיין א נייע מקום, א נייע משפיע וואס ער איז נישט געווען צוגעוואוינט, ער זאל טרעפן נייע חברים מיט וועם ער זאל זיך מחבר זיין.

**וואס** געשעהט, בדרך כלל קלויבט ער זיך אויס צו זיצן איינער אליין. ער טוט זיך אין ערגעץ נישט קאנעקט״ן און ער בלייבט פאר זיך, ער זעצט זיך אין עק פון בית המדרש ווען ער קומט אריין, און פון צייט צו צייט ווערט ער נאך מער איינזאמער און נאך מער פאר זיך, וואס ער האט נישט קיין קשר ארום און ארום — און דער וועג איז זייער א גרויסע סכנה פאר זיין אידישקייט. **און א מענטש דארף זיך אנשטרענגען צו טרעפן א קרייז פון תורה און יראה, ער זאל נישט קוקן אויף די שוועריקייטן וואס ער האט זיך מסדר צו זיין, כל התחלות קשות, יא ס'איז שווער אין אנהייב, אבער מכאן ואילך יערב לכם, נאכדעם וועט אים זיין זיס, ער וועט האבן א גוטע חברותא וואס ס'וועט אים האלטן אין די ראמען ער זאל קענען זיין ערליך.**

**און** אויב דאס איז אויך שווער צו טרעפן פאר אים. איז היינט דא הא״ט-ליינ״ס פון ערליכע משפיעים וואס זענען מפורסם בתורתם וביראתם, **מקבל זיין אויף זיך יעדע וואך צו הערן א שמועס פון הדרכה. יעדע וואך צו הערן דברי מוסר.** ס'איז טאקע נישט דומה שמיעה לראיה, ס'איז נישט די זעלבע ווי ער האט א זכות צו קענען מקבל זיין פון א חכם אליין, די השפעה פון הערן ווערט נישט אריינגעקריצט אינעם מענטש אזוי שטארק ווי א זאך וואס ער זעהט מיט די אויגן. די גמרא (עירובין יג:) זאגט אויף רבינו הקדוש, אז ער האט געזאגט, האי דמחדדנא מחבראי, וואס איך בין קלוגער און שארפער פון מיינע חברים, דחזיתיה לרבי מאיר מאחוריה, ווייל איך בין געווען ביי רבי מאיר אין שטוב, איך האב טאקע נישט געזעהן זיין פנים אבער איך האב געזעהן זיין רוקן, ואילו חזיתיה מקמיה הוה מחדדני טפי, ווען איך וואלט געזעהן דעם פנים פונעם רבי'ן וואלט איך מער מחודד געווען, והיה עיניך רואות את מוריך, דעסטוועגן דאך, אויב ער קען נישט, האט ער נישט קיין ברירה, זאל ער זוכן אן הדרכה פון וואו ער קען מקבל זיין תורה און יראת שמים וועכענטליך, ער זאל עס הערן און זיין צוגעבינדן דערצו,

---

**די גמ'** זאגט אין מכות (כב:), אמר רבא כמה טפשאי שאר אינשי דקיימי קמי ספר תורה, ולא קיימי מקמי גברא רבה, פארן ס"ת שטעלט מען זיך אויף, אבער נישט פאר קיין גברא רבה, אין ס"ת שטייט ארבעים יכנו, מלקות געט מען פערציג, ואתי רבנן ובצרי חדא, און די די חכמים האבן אראפגענומען איינס, און מען איז זיי נישט מעריך. שטעלט זיך דער ערוך לנר, דאס איז טפשים?, די זענען רשעים! זיי זענען עובר אויף א זאך וואס שטייט אין די תורה והדרת פני זקן, וואס הייסט ער שטעלט זיך נישט אויף פאר א תלמיד חכם.

**קען** זיין די פשט דערפון איז, רבא האט נישט גערעדט פון רשעים וואס זענען נישט מקיים די מצוות פונעם אייבערשטן, רבא האט גערעדט פון אזעלכע מענטשן וואס זענען באמת יראים ושלמים, זיי זענען מקיים אלע מצוות התורה בהידור, **נאר וועם זיי האבן מחליט געווען אז ער איז א חכם, זענען זיי אים מכבד, און דאס וואס שטעלן זיך נישט אויף סתם פאר תלמידי חכמים, דאס איז ווייל זיי האבן געטראפן חסרונות אויף אים, און מען האט אים געמאכט אויס תלמיד חכם, און אז ער איז אויס תלמיד חכם דארף מען אים נישט מכבד זיין, זיי האבן געפסל'ט דעם מענטש מיט זיין תורה, און דאס נעמט זיך פון טפשות, פונעם גאות וואס דער מענטש האט, איז ער מבטל יעדן איינעם, און כמה טפשאי שאר אינשי, זיי זענען טיפשים, זיי זעהן פאר זיך א חכם, און דעסטוועגן דאך טוען זיי זיך נישט מכניע זיין, און אים מעריך זיין, אים צו שעצן, און מכבד זיין**, זיי זענען זיך נישט מתבונן, אז נישט יעדע זאך איז אזויווי עס קוקט אויס פארן אויג, אין חומש שטייט ארבעים יכנו, פארן אויג זעהט אויס אז מען געט פערציג, אבער אתי רבנן ובצרי חדא, נישט אלעס איז אזוי ווי עס זעהט אויס פשוט ווי עס שטייט אין חומש, מען קען אפלערנן זאכן אנדערש ווי עס שטייט, און דאס פעלט ביי זיי, זיי זענען טפשאי, אז זיי זענען נישט מעריך דעם חכם אז מען זאל אים מכבד זיין.

**בדרך** כלל איז דאס ווילאנג די חכמי ישראל לעבן, עס גייט אדורך א שטיק צייט וואס דער חכם ווערט נסתלק, הייבט זיך אן די בליק פונעם מענטש צו זיין אנדערש וויאזוי צו קוקן אויף דעם חכם, מען הייבט אים אן צו שעצן, שנאתם קנאתם גם אבדה, עס איז אדורכגעגאנגען די קנאה, אדורכגעגאנגען די שנאה, וחלק אין להם עוד לעולם בכל אשר נעשה תחת השמש ווי דער פסוק זאגט (קהלת ט-ו), זיי זענען שוין נישט דא אויף דער וועלט, הייבט מען אן צו קוקן אויף זיי אנדערש, ער דארף זיך שוין מער נישט בפועל מכניע זיין פאר דעם חכם, ווייל דער חכם איז שוין נישט דא, דעמאלס הייבט אן ארויסצושפראצן די צדקות וואס די חכמי ישראל האבן געהאט, **וויפיל חכמי ישראל איז דא וואס ביים לעבן האט מען זיי גע'רודפ'ט, ביים לעבן האט מען נישט געשעצט זייער חשיבות, מען האט מטיל געווען מום בקדשים. זיי זענען נסתלק געווארן פון דער וועלט, עס איז אריבער א שטיק צייט, אלעס האט זיך בארוהיגט, זענען זיי נתקדש געווארן אין די אויגן פון יעדן איינעם. קושטא קאי, אמת קומט ארויס שפעטער.**

און טראכטן שטענדיג וואס קען איך אויסנוצן פון די ווערטער וואס איך האב געהערט.

**און** כל שכן ווען מען רעדט פון די בני בית, פון ווייבער, טעכטער, וואס זיי קענען דאך נישט מקבל זיין פון א רבי׳ן, און זיי האבן די זעלבע נסיונות ווי א מאן. די גאס איז טריפה פאר זיי אויכעט, און זיי דרייען זיך אויך ארום און ס׳ווערט אראפגעשלעפט דאס ווארימקייט צו אידישקייט. אויסקלויבן זיך א משפיע פון וועם זיי קענען הערן מוסר און דברי תורה, און זיך מכניע זיין מקבל צו זיין די ווערטער וואס מען הערט.

## לשלוח הבנים ללמוד במקום שיוכלו לקבל השפעה גם אחר חתונתם

**און** איך וועל ארויסברענגען נאך איין נקודה. ס׳איז נוגע צו עלטערן וואס זענען מחנך קינדער. ס׳קומט ער דארף אויסקלויבן א ישיבה וואו צו שיקן זיין זון לערנען. דארף ער טראכטן שטענדיג, וואס וועט זיין דער סוף ווען מיין קינד וועט ארויסגיין פון יענע ישיבה? וואס וועט זיין פון אים ווען ער וועט חתונה האבן, וויאזוי וועט ער אויסקוקן דעמאלטס? מיט וועם וועט ער בלייבן דעמאלטס? וואו וועט ער טרעפן זיין פלאץ נאך די חתונה ווען ער וועט פון דארט ארויסגיין. ווען די חברים וועלן זיך צוגיין, וואס זיי קומען פון פארשידענע פלעצער, וואו וועט ער טרעפן זיין פלאץ נאכדעם אז ער זאל קענען שטייגן?

**רוב** מאל וועט ער זיך געפינען אליינס. די חברים זענען זיך צוגאנגען, ס׳איז נישט איין קרייז וואו ער האט געלערנט, יעדער האט חתונה געהאט ערגעץ אנדערש, ער בלייבט אליין נאך די חתונה, וואו דריי איך זיך יעצט? ווי גיי איך אנהייבן צו גיין, ווי קען ער בלייבן?, ער איז אליינס, ער האט נישט קיין שום געהילף וואס זאלן אים קענען ממשיך זיין די תורה און אידישקייט וואס ער האט געהאט ביז יעצט.

**ער** געפינט נישט קיין פלאץ ביי זיין טאטען צוזאמען, ווייל ער איז דאך אוועקגעגאנגען פון דעם מקום וואו זיין טאטע איז געווען, און ער האט שוין נישט דארט זיינע חברים, די חברים פון די ישיבה האט ער אויך נישט, זיי זענען אוועקגעגאנגען. דער סוף ווערט, דער טאטע מיט זיינע קינדער און די אייניקלעך ווערן אפגעזונדערט איינער פונעם אנדערן. די קינד איז שוין נישט דארט וואו זיין טאטע איז, און דער טאטע איז נישט דארט וואו דער

---

**און** מען זעהט עס בחוש, נישט נאר ביי חכמי ישראל, נאר אפילו ביי פשוט׳ע מענטשן, און כל שכן ביי חכמי ישראל, וואס ביים לעבן ווייסט מען נישט באמת זי צו שעצן וואס זיי זענען. זיי גייען אוועק פון דער וועלט, מען זיצט ׳שבעה׳ נאך זיי, הייבט מען אן צו פארציילן, דער פארציילט די מעשה, און דער האט צו פארציילן א צווייטע מעשה, דער פארציילט די גרויסקייט וואס ער האט געהאט מיט אים פריוואט, זאכן צוביסלעך ווערט נתפרסם וואס זיי האבן זיך באהאלטן פון מענטשן, און יעדער הייבט אן אויסזאגן זאכן וואס ער האט געהאט א קשר מיט דעם חכם, און מיום ליום ומחודש לחודש ווערט מער נתפרסם זייער צדקות וואס זיי האבן געהאט, און ווי מער עס גייט אדורך די צייט, ווערט מען אלץ געוואויר נאך און נאך, וואס עס איז אלץ געליגן אין דעם חכם, און מען הייבט אן צו שפירן די אבידה וואס מען האט פארלוירן.

**און** ווען מ׳קוקט ווער נעמט איבער זייער פלאץ, ווען די חכמי ישראל גייען אוועק, הייבט מען אן זיך נאך מער צו בענקן אויף וואס אונז האבן פארלוירן, הלכו למנוחות ואותנו עזבו לאנחות, ווען זיי זענען אועק און זיי האבן איבערגעלאזט אזעלכע וואס זענען נישט ממלא את מקומם, עס פעלט די קדושה פון זייער תורה, עס פעלט זייערע ריבוי תפילות וואס זיי האבן מגין געווען אויף אונז, הלומד תורה לשמה נהנין ממנו עצה ותושי׳, מען האט געהאט פון וועם צו פרעגן אן עצה, זיי זענען געווען לומדי תורה לשמה וואס מען קען נהנה זיין פון זיי עצה ותושי׳, ווי עס שטייט אין הייליגע ספרים אז פשט דערפון איז, אז א עצה קען מען פרעגן פון יעדן איינעם, פון יעדע קלוגער מענטש, אפילו א קלוגער גוי קען מען אויך פרעגן און מקבל זיין א עצה ווען א מענטש האט א פראבלעם, אבער נישט אייביג איז ער געזיכערט אז ער וועט נהנה זיין פון די עצה, די עצה קען זיין גוט און אויסגעהאלטן, אבער עס האט נישט קיין סייעתא דשמיא אז די עצה זאל מצליח זיין, **אבער הלומד תורה לשמה, ווען א מענטש איז זיך שואל עצה מיט איינעם וואס איז לומד תורה לשמה, ׳נהנין׳ ממנו עצה ותושי׳, די עצה וואס ער געט, וועט זיין א עצה וואס מען וועט האבן דערפון אן הנאה, ווייל די אייבערשטער שטייט אים צו הילף, און דער באשעפער העלפט אז די עצה זאל מצליח זיין.** רבות מחשבות בלב איש ועצת ה׳ היא תקום, און דאס בלייבט. נהנין ממנו עצה ותושי׳, מען איז נהנה פון אים אזא עצה וואס איז תושי׳, וואס איז פארבינדן מיט דעת תורה, און דאס בלייבט אויף שטענדיג. און יעדער חודש וואס גייט פון ווען זיי זענען נסתלק געווארן שפירט מען מער אז אונז האבן נישט גענוג געשעצט די מתנה טובה וואס אונז האבן געהאט...

**און** ווען מען קומט זיך צוזאם מספיד זיין חכמי ישראל, ליגט אויף אונז זיך מתבונן צו זיין, נישט דאס איז דער תכלית צו באוויינען א זאך וואס מען האט געהאט און מען האט עס פארלוירן, אויף דעם דארף מען נישט זיין קיין חכם, א שוטה וויינט אויך אויך ווען ער פארלירט א זאך וואס ער האט געהאט, מען דארף זיין א חכם הרואה את הנולד, זיך מתבונן זיין אויף די הוה וואס אונז האב מיר יא, לא אלמן ישראל, אידן זענען נישט קיין אלמן, דער באשעפער האט נישט איבערגעלאזט אידן אן קיין חכמי ישראל, **אין יעדע געגנט וואו א איד געפונט זיך, קען ער טרעפן חכמי ישראל וואס דער אייבערשטער האט זיי שותל געווען בכל דור ודור, וואס זיי האבן נישט אין זייער וועלט קיין שום אנדערע זאך, נאר הרבצת תורה און יראה וטהרה פאר אידן, און זיך מתדבק זיין אין זיי, און מקבל זיין פון זיי תוכחת חיים, חיזוק אויף די שווערע זמנים וואס מען האט.** הנכנס לבית המרקחים שטייט אין חז״ל (פדר״א פכ״ה), ווען מען גייט אריין אין א פלאץ וואס עס איז דא בשמים, אויף א פלאץ פון בלומען, אפילו ער נעמט גארנישט, ער האט גארנישט מיטגעטראגן מיט זיך, ריח טוב לקח והוציא עמו, א ריח טוב נעמט ער מיט מיט זיך.

זון איז. און אן א קרייז פאלט מען, און ער האט נישט ווער ס׳זאל אים אנווארימען אין די זמנים וואס מ׳האט היינט. **אייביג האט מען געדארפט זיין דבוק צו תלמידי חכמים, אבער אמאל איז דאס געווען א לוקסוס, ס׳איז נאר געווען אן הוספה אויף אידישקייט, היינט קען מען נישט עקזיסטירן, האלטן זיך ערליך, אן דעם וואס מ׳האט נישט קיין קרייז וואו ער געפינט זיך.**

**און** ווער ס׳וועט זיך אומקוקן קען ער זעהן מיט די אייגענע אויגן, די וואס האבן אוועקגעשיקט זייערע קינדער לערנען אין דער פרעמד, זענען נישט די קינדער אין דעם זעלבן סוג ווי זייער עלטערן. ווען א מענטש געפינט זיך אין א געוויסן חסידות, אפילו ער האט טענות אויף דעם פלאץ צי כדומה, שיק נישט אוועק דיינע קינדער, האלט זיי צוזאמען מיט דיר, זאלן זיי זיין דארטן צוזאמען, אפילו דו זעהסט נישט אויפן מינוט די פירות, אבער ער בלייבט אין א קרייז שפעטער וואס ער וועט זיין צוגעבינדן צוזאמען מיט דיר. — דאס דארף מען שטארק נעמען אין חשבון, **איזהו חכם הרואה את הנולד, קוק נישט אויפן הוה, ווי ס׳איז יעצט בעסער, לייג דיינע אויגן אויפן עתיד, ווייל דאס איז דער עיקר, וואס מ׳דארף שפעטער אויפשטעלן א שטוב.**

**און** אז מען שיקט יא אוועק אין דער פרעמד, אויסקלויבן א פלאץ וואו ער וועט האבן א קרייז נאך די חתונה, וואו ער וועט קענען בלייבן דארטן, אן ערליכער מקום וכדומה. אבער נעמען א קינד און אוועקשיקן פון א קרייז אויף א פלאץ ווי ער גייט ארויס אן א מסגרת, איז זייער עלול שפעטער אז ער האט נישט קיין חברותא וואו ער זאל זיך קענען מחבר זיין, און ער האט נישט די כוחות ער זאל זיך קענען מתגבר זיין דערויף.

## חנוך לנער על פי דרכו, גם כי יזקין לא יסור ממנה

**זאגט** שלמה המלך, חנוך לנער על פי דרכו, ווען דו ביסט מחנך דיין קינד, געב נישט דיינע אויגן אויפן חינוך פון יעצט, זיי א חכם וואס איז עיניו בראשו, וואס וועט זיין פון אים ווען ער וועט אויסוואקסן די ישיבה, וואו וועט זיין זיין פלאץ דעמאלטס ווען ער וועט דארפן שטיין אויף די אייגענע פיס? וואס וועט זיין זיין סוף? — **חינוך איז נישט אז יעצט זאל ער זיין א גוט יונגל, יעצט זאל ער זיין א גוטער בחור, חינוך איז, ער זאל אויסוואקסן א גוטער איד אויף זיין גאנץ לעבן, ער זאל קענען עומד זיין אין די נסיונות הזמן.**

**חנוך** לנער על פי דרכו, ווען דו געסט דעם חינוך פאר דיין קינד, לייג די אויגן אז גם כי יזקין, ס׳וועט אדורכגיין די צייט וואס ער איז אין חינוך, די צייט וואס ער דארף זיין דא אין ישיבה, ווען ער וועט עלטער ווערן לא יסור ממנה, זאל ער זיך אויך נישט אפטון פון דעם דרך התורה. ווען א מענטש וועט זיך אומקוקן וועט ער זעהן וויפיל אמת ס׳ליגט אין די ווערטער, אז די וואס זענען געבליבן די קינדער מיט די עלטערן אין איין מסגרת, ווי שוואך דער קינד איז געווען שפעטער, האט ער זיך געהאלטן, ער איז געבליבן און גדלו והצליחו פרי מער ווי די וואס האבן זיך אפגעטיילט פון די קינדער.

## הבתים שגודרים גדר, ומכניעים לחכמי ישראל הם ובניהם יעמדו בנסיונות הזמן

**איך** וויל נאר צו ענדיגן. יעדער ווייסט אז די נסיונות היינט מיט די טעכנישע כלים ווערן מער פון טאג צו טאג. מ׳קוקט וויאזוי ס׳האט אויסגעקוקט מיט צען יאר צוריק, וויאזוי ס׳איז געווארן א נייע וועלט פון וואס ס׳איז געווען דעמאלטס. א מענטש טראכט אריין וואס וועט זיין אין פינף יאר ארום, טאר מען אפילו נישט טראכטן. וויאזוי די וועלט וועט אויסקוקן דעמאלטס. אן אימה מיט א פחד פאלט ווי וועט מען זיך קענען האלטן און זיך מתגבר זיין אויף די געוואלדיגע נסיונות וואס מען דארף אפהיטן יונגווארג, און מ׳קען צוקומען צו אלעם אויף דער וועלט, דער אייבערשטער זאל אפהיטן וויאזוי ס׳וועט אויסזעהן שפעטער.

**ווען א מענטש וויל מציל זיין זיינע קינדער און זיינע אייניקלעך זיי זאלן זיך פירן על דרכי התורה, זיי זאלן זיין אידן וואס זענען נאמנים לה׳ ולתורתו, זאל מען וויסן אז נאר א שטוב וואס האט גדרים וסייגים, א שטוב וואס איז אפגעהיטן, ווערן די קינדער נתחנך אז מ׳דארף האבן א גדר און מ׳דארף האבן א שמירה. די שטיבער ווי**

**מ׳איז מחנך אפגעהיטן, און מ׳איז מחנך קינדער מ׳זאל צוגעבינדן צו חכמי התורה און מכניע זיין זיך פאר דעת תורה, די קינדער וועלן קענען אויסהאלטן ברבות הימים,** ער איז נתגדל געווארן אז מ׳קען נישט אלעס האבן, ס׳דארף זיין גדרים וסייגים, ער איז נתגדל געווארן אז מ׳דארף זיך דרייען ביי חכמי ישראל, די וועלן קענען שפעטער עומד זיין בנסיון.

**און וויפיל מאכט עס אויס פאר קינדער ווען זיי זעהן די עלטערן אליין זענען מחשיב חכמי ישראל. די שטוב איז מחונך אויף דעם,** שטענדיג הערן זיי, מען דארף הערן וואס דער רב האט געזאגט. און וואס דער רב האט געזאגט, אזוי טוט מען, נישט אנדערש, דאס האט מען גע׳פסק׳נט אז מען דארף צו טוהן. — **וויפיל דאס לאזט איבער א חינוך אויף די קינדער אז זיי זאלן שטענדיג מקיים זיין וואס זיי הערן פון זייערע רבי׳ס. ס׳לאזט איבער אן הכנעה און א ביטול וואס א מענטש דארף האבן צו זיין רבי׳ן.** ער זעהט וויאזוי כבוד התורה איז טייער אין די אויגן פונעם פאטער, ער זעט וויאזוי דער טאטע געט א קוש פאר זיין רבי׳ן אין די הענט, ווייל ער איז אים מחשיב, ער איז זיך מכניע פאר אים, דאס איז דער וועג וויאזוי מען איז מחנך אז א קינד זאל זיין צוגעבינדן שפעטער אויכעט מיט אן הכנעה מקבל צו זיין דעת תורה.

**לעומת** זה, די וואס זענען קלוגער פון די גאנצע וועלט, זיי זענען חכמים בעיניהם, זיי ווייסן אלעס אליין, ער דארף נישט קיין רב, ער דארף נישט קיין רבי׳ן, ער דארף נישט קיין מדריך, און נישט נאר ער דארף נישט, ער איז מחנך גאר די קינדער אזוי, מבטל חכמי ישראל, לא כדורות הראשונים האחרונים זאגט ער פאר די קינדער, עה, היינט איז נישטא גארנישט, ס׳איז נישטא פאר וועמען מען זאל זיך מכניע זיין. דער טאטע לעבט פאר זיך איינצל אין א מסגרת. ער וועט נאך בלייבן ערליך ווייל ער האט נאך געזעהן א וועלט פאר זיך פונעם פריער׳עריגן דור און ער איז נאך אנגעשעפט געווארן מיט אהבת תורה ויראת שמים. **אבער דאס וואס ער זאגט פאר זיין קינד, אז ס׳איז היינט נישטא גארנישט און ס׳איז נישטא פאר וועם ער זאל זיך מכניע זיין, האט ער ממש אראפגענומען זיין קינד פונעם ריכטיגן וועג, און דאס קינד וועט האבן נסיונות רבות שפעטער אינעם לעבן ער זאל זיך קענען האלטן ערליך! און ער וועט נישט געפינען שפעטער קיין סיפוק אין בית המדרש נאר זוכן א סיפוק אינדרויסן אין דער גאס.**

## הוי זהיר בגחלתן שלא תכוה

**נאך** איין נקודה, וואס מיט דעם בין איך מסיים. איך וויל מעורר זיין, ס׳איז לעצטנס פארשפרייט געווארן אין די גאסן פאשקעווילן, מען איז מבזה גדולי ישראל, ס׳האט צו טוען מיט דעם גזירת החינוך וואס איז דא היינט אין די שטאט. וואס באמת דארף מען מתפלל זיין דערויף, **יעדן טאג דארף מען געבן א תפלה און בעטן פונעם אייבערשטן אז ס׳זאל בטל ווערן די גזירה,** די קומענדיגע וואך שטייט מען פאר א משפט וואס מ׳דארף דן זיין דערויף אין די בתי משפט, און מתפלל זיין צום אייבערשטן אז דער באשעפער זאל מטה זיין לב שרים אז ס׳זאל נישט געשטערט ווערן דער חינוך פון אידישע קינדער.

**גדולי** ישראל האבן מוסדות, זיי זענען זיך מוסר נפש יארן לאנג אויפצוהאלטן די מוסדות, ס׳קאסט אפ געלט און בלוט און שווייס צו האלטן א מוסד און מחנך זיין ערליכע קינדער, זיי האלטן מוסדות התורה פאר טויזנטער קינדער און מען איז זיי מחנך על דרכי התורה. ס׳איז געווארן א פראבלעם וועגן די גזירת החינוך, מען זיצט אויף דעם טאג און נאכט, מען איז דן בכובד ראש, וואס איז דער ריכטיגער וועג וואס מ׳זאל זיך פירן. ס׳נעמט אוועק די מנוחת הנפש פון יעדן איינעם וואס האט א מוסד, וואס וועט זיין די תוצאות דא ווייטער. און מען זיצט און מען איז מחליט וויאזוי מען קען מקדם זיין את הרעה, וויאזוי מ׳קען זיך אן עצה געבן, וואס מ׳האט צו טוהן.

**כדרכה** של תורה, ס׳איז דא וואס האלטן אז מען דארף גיין איין וועג, און ס׳איז דא וואס האלטן אז מען דארף גיין א צווייטן וועג. און יעדער מנהיג דארף טוהן אין זיין מוסד וואס ער איז בארעכטיגט על פי דעת תורה צו

פארשטיין וואס ער האט צו טוהן. **אבער מבזה זיין אנדערע תלמידי חכמים, מיט זלזול, געמיינע זלזול, אוועקצומאכן מנהיגי ישראל, דאס איז אן עון פלילי! באשמוצן אויף די גאס די וואס זענען זיך מוסר נפש פאר די חינוך פון אונזערע קינדער, ס'איז סיי ביזוי תלמידי חכמים וואס מען טאר קיינמאל נישט, און מען איז משפיל די כבוד חכמים ביי די יונגווארג, וואס זעהט ער, ער קוקט אויף דער גאס, וואס שרייבט מען אויף זיין רבי'ן, אזוי און אזוי, שמד'ן אויס קינדער וכדומה. ס'איז א געוואלדיגער עון צו פארשפרייטן אזעלכע פאשקעווילן. הוי זהיר בגחלתן שלא תכוה! מען דארף נזהר זיין אז מען זאל נישט ווערן אפגעבריהט, ווער ס'רירט צו צו א קויל, ווערט אפגעבריט אפילו ער האט געהאט א גוטע כוונה, אפילו ער האט געהאט א גוטע סיבה פארוואס ער האט עס געטון, האסט צוגערירט צו א גחלת ועסטו ווערן אפגעבריט.**

**ווען מען שרייבט פאשקעווילן, קיינער איז נאכנישט ארויסגעגאנגן ריין פון שרייבן פאשקעווילן, ס'האט יעדן אפגעבריט!** ס'איז נישט די ערשטע פאשקעווילן וואס ס'איז דא היינט, אונז האב מיר שוין מיטגעלעבט צענדליגער יארן, קיינער איז נישט ארויסגעגאנגן דערפון פריי, און מען דארף אכט געבן דערויף.

**איך** באקום כמעט יעדעס יאר א טעלעפא"ן קא"ל פון מענטשן וואס רופן, אז מיט יארן צוריק האבן זיי מיר מבזה געווען, זיי האבן גערעדט אויף מיר, און זיי בעטן איך זאל זיי מוחל זיין. איך ענטפער אויפן טעלעפאון, איך בין נישט אינטערסירט ווער דו ביסט, מוזט מיר נישט זאגן דיין נאמען, כ'בין נישט אינטערסירט וואס דו האסט גערעדט, איך בין דיר מוחל בלב שלם אויף וואס דו האסט גערעדט, אבער איין זאך, **נעם דיך פאר און זיי אזוי מגדל דיינע קינדער, אז מ'זאל זיך היטן נישט צו רעדן אויף אן אנדערן, דעמאלטס וועסטו קענען נזהר זיין פון פון וואס מען דארף.** — ס'איז א גזירה קשה און יעדער דארף מתפלל זיין אז דער אייבערשטער זאל העלפן די גזירה זאל בקרוב בטל ווערן.

## טעמו וראו כי טוב ה'

**מען** האלט דאך פאר די טעג פון פורים, הדר קבלוהו בימי אחשורוש, ס'איז טעג וואס אידן זענען מקבל די תורה מתוך שמחה וטוב לבב. ס'איז טעג וואס יעדער האט א געלעגנהייט צו מאכן א יו-טור"ן, זיך צוריק דרייען, אפילו ער איז פארפאלן געווארן נאך די חתונה, אפילו ער געפינט זיך אפגעזונדערט פאר זיך, מ'קען אייביג טוישן מ'קען אייביג צוריק גיין, **טעמו וראו כי טוב ה', פרובירט עס אויס, א וואך און א חודש, דרייט'ס ענק ביי ערליכע אידן, הייב אן זיך צוריקצודרייען, קום אין ביהמ"ד לערנען, דאווענען, טוה א מצוה פארן אייבערשטן ס'זאל זיין בשמחת הלב, וועסטו זעהן שפעטער כי טוב ה', ווי גוט ס'איז צו גיין אויף דעם וועג.**

**זאל** דער אייבערשטער געבן מיר זאלן קענען מחנך זיין אונזערע קינדער לתורה ולחופה ולמעשים טובים מתוך נחת און הרחבה, עת צרה היא ליעקב! כלל ישראל שטייט אין א געוואלדיגע עת צרה, דער מצב אין ארץ ישראל איז נישט פויגל'דיג, ס'איז א מצב וואס מען דארף האבן אסאך רחמי שמים. די שנאת ישראל אין די גאנצע וועלט איז געשטיגן. די מדינות אליין פון די גאנצע וועלט זענען אנגעצויגן. ס'איז חבלי משיח, מען דארף מתפלל זיין דער אייבערשטער זאל אפהיטן יעדן אידישע קינד מכל צרה וצוקה ומכל נגע ומחלה, די חבלי משיח זאל שוין ברענגען דערצו אונז זאל מיר זוכה אלע אינאיינעם אנטקעגן צו גיין משיח צדקינו בב"א.

**ניתן לשמוע הדרשה במילואו - חלק הדרוש • הספדים • דברי מוסד והתעוררות**
**במערכת "קול מעדני מלך וויען" 718.400.7710-7**

**ההפצה נתנדב לזכות משה בן מלכה, הנה בת אסתר, לטב ולהיין ולשלם**